STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02859

BRONDZENER MABL

Shloime Schwartz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה שוואַרץ

★

בראָנדזענער מבול

שלמה שוואַרץ

בראָנדזענער מבול

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ״א — 1981

Shloime Schwartz / BRONDZENER MABUL

שלמה שוואַרץ / בראָנדזענער מבול

סקולפּטור „שיקאַגער פּאָעט" —
עגאָן ווײַנער

פ אָ ט אָ —
פּיטער ווײַנער

©
אַלע רעכט געזיכערט
Copyright by Selwyn Schwartz,
726 Junior Terrace, Chicago, Ill. — 60613, U.S.A.

פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב

I. L. Peretz Publishing House
Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1981 נדפס בישראל, תשמ"א

גסדר בלינו־טור, רח' יסוד המעלה 39, ת"א

נדפס בדפוס מ. ערבה, רח' לבנדה 36, ת"א

בראַנדזענער מבול

מירמלנע תּיבה,
מײַן שטאָט —
פון ציגל און שטאָל.
זאָג:
ווער צינדט אָן
דאָס ליד אין מיר
אָנהייב מאָרגנפרי?

פון יעדן מויער,
ווי פון האַמערס אויסגעהילכט,
אָנגעצונדענע קלאַנגען
און געפּאַרן —
אַ בראַנדזענער מבול.

דאָס ייִדיש־ליד
מיט אותיות
פון ניטהיגע מקומות,
ווי אַ צענטער צום מנין,
מיט אַ ניגון פאַמיליאַר
צום האַר
פון רויך און שאָטן —
אין ווירבל־געוואַלד,
דער דראָטענער וואַלד,
פון וואָר און װוּנדער.

אָט אין דעם ספּאַזם
פון בראַנדזענעם טומל
פלאַקערט דאָס ליד
העכער און העכער —
העכער
פון שטאָטישן נעפּל,
אַריבער פאַרזיגלטע טירן,
ווו אַלע טורעמס
שטורעמען.

אויפן עשאַפּאָט
פון חשבון און סך־הכּל

טאָג־טעגלעכע שליחות

מײַן שטאָט —
בהלהדיק ברוין,
מאַטעמאַטיש —
רעאַל.

דער פראָסט
אויף די שויבן,
ווי אַ סענאַט־פּרעזידענט
מיט אָפּגעקילטער פרייד,
מיט באַקאַרבטע בלומען.

די שטאָט,
בליצט מיט בלײַ און בלאָף.
ווי אַלע מאָל,
שטרענג
און ליכטיק.
וויכטיק איז די צאָל.
די באָל
אין טויזנט הענט
בעט זיך צום הימל
העט, העט, הויך.

און די נאַכט
אויסגעליידיקט פון גראָשיקע נײַעס
ברענגט דעם שלאָף
און חלום
אויפן עשאַפאַט
פון חשבון
און סך־הכּל.

שׂרפהדיקע שילדן

פון שׂרפהדיקע שילדן
רעדט צו מיר די טויב,
די טויב מיט אָפּגעברענטע פלעקן,
רעדט און פלאַטערט אַנטקעגן פײַער:

שטאַרקער פון אײַזן איז דײַן ליבשאַפט
צום ברעג פון דײַן טײַך.
דאָ האָבן לידער פאַרשיכּורט
דײַן יונגן טאָג
מיט אַ נײַעם פרילינג פון וואָרט
און גלויבן.

שטאַרקער פון שטיינער איז דאָס לעבן.
די כוואַליעס מיט קוואַליקע סטרונעס.
האָסט אויף זיי געשפּילט
יונגן אומעט
איבער שבעה ימים.
דאָ, בײַם ברעג פון שטאָט,
אויף דעם זאַמדיקן שטח
פון זומער,
ביסטו עלטער געוואָרן.

און קיינער קען דיך ניט פאַרקנסן
צו די שׂרפהדיקע שילדן.
אַ קאָנצערט פון נאַקעטע כּלהס
אין וואָלקנדיקן שפּיגל.
שטייסט ווי דער בוים,
אײַנגערעמט בײַם טײַך,
מיט זאַמד אין דײַנע האָר —
מיט ליכטיקע אותיות אין שוימיקן טומאַן.

אין סאַבוויי־צוג

צו שרײַבן לידער אין סאַבוויי־צוג
איז מער ווי פּאַרוויײַל.
זיי לויפן מיר נאָך,
מײַל נאָך מײַל,
מחשבהדיק אומגעצאַמט
און מאָנען פאַרוואַנדשאַפט.
די טונקלקייט לויכט ליכטיקער
ווען די שורות קומען
אינטים און אייגנס
ביז צום ענד.
די מידע שעה וויגט זיך אויף מײַן העמד.
כאַטש נעם און פאַרטעמפּ דעם בראַזג
פון רעלסנרייד,
בעת די לידער טוליען זיך צו מײַנע פינגער.

דורך דער לענג און ברייט
פון סאַבוויי־צוג
די שורות פיבערן אַן אַנדערשקייט —
שווײַגיק באַוווּנדערט
אין אַלעמענס אויגן.
ווי ברידער פון מײַנע גלידער —
די ערשטע אַנגעשריבענע לידער.

די רעלסנרייד ווערן שטילער,
היימיש שטילער.
כ׳טראָג זיי פון צוג אַרויס
ווי ניסים זעלטענע,
ווײַט פון בראַזג,
אַהיים —
אין סאַמע מזרח פון עקסטאַז.

אין גלעזערנעם טײַך

אין גלעזערנעם פֿאַרנאַכטיקן טײַך
שווימט
די אָפּגעקילטע שטאָט
מיט אַ מחנה שאָטנס
ווי גאָלדענע פֿיש
אין אָנגעצונדענע שויבן.

און שרײַענדיק —
לויפֿט דער סאָבווײַ־צוג
מיט רעלסנרייד
געשווינד און געשווינדער
ווי מײַן אומרו.
באַפּוצטער חלום הוידעט
קעגן מיר.
אַלץ הילכט צום טאַקט
אין אָפּגרונט פֿון נאַכט.

דער דרויסן איז אָנגעצונדן.
מיר אַלע,
צדיקים אין גרײַזיקן שווײַגן,
טראָגן דאָס וואָרט אַהיים
אין קלאָרן רעפֿרען —
געראַטעוועטע
פֿון אײַזערנעם אינגעווייד,
די סאָבווײַ.

שיקאַגאָ

1

ליכטיקע שטאָט, מײַן שטאָט,
דו אויסגעפּוצטע.
מײַן שטאָט, דו כיטרע
און וואַנדאַלישע.
כ׳טראָג דיר אַנטקעגן
אַ צעבליטע בלום פון צווישן דײַנע שטיינער
וואָס האָט ריזיקאַליש
געבליט.

כ׳ווייס:
ס׳איז יעדער שטיין אַ שליח-יחיד
פון דײַן גרויסן פײַער.
ניסימדיקע, פעלדזיקע, לעגענדאַרע
שטיינער
מיט ווינטן רײַך.
אויסגעטעסעטע ציטאַדעלן
באַנײַטע און באַשיצטע
בײַ דײַן שטענדיק צעבלויטן טײַך.

דער טאָג נייגט זיך
אַלץ נידעריקער צו דײַן ברעג,
שלאָגט זיך
פאַרנאַכטיק
על-חטא.
ווערן דײַנע שטיינער
סודותפולע קדושים —
פאַרגאַרטלטע שטומע קרובים
קעגן נאַכטיקן שטראָם.

2

ווי איך וואָלט ס'ערשטע מאָל
דיך דערזען,
באַוווּנדער איך תּמיד דײַן רחבות.
דײַנע ריזן,
אײַזן־אויסגעהאַקטע שומרים
וואָרענען,
באַשיצן.

די שטאָט ציט זיך צום טײַך,
און איך
צי זיך אין אַלע דײַנע נעכט
צו די כוואַליעס
וואָס געבוירן לידער.
דורך בלעך און שטיין,
באַשפּרינקלט מיט שטערן,
בליִען בלומען
אין דײַנע הויפן.

בלײַב איך דײַן געטרײַער משורר —
באַגליקט
אי מיט טרויער, אי מיט ליד,
אין דײַן זאַטן גראַניט.

שוואַלבן און שטראַלן

כ'האָב צו דיר, שטאָט מײַנע,
פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט
אַ סך שירים געלאָזט פֿאַלן
פֿאַר דײַנעטװעגן.
װען ערבֿ־זומער
שפּאַרט דורך דײַנע שטײנערנע װענט
אין דײַן באַבוימטער נײַקײט —
ביסטו שעלמיש שײן
און דאָרפֿיש
מיט גראָזן,
מיט שוואַלבן און שטראַלן.

ס'לאָקט אַרויס
פֿון הינטער אָפּגעוואַשענע שטײנער
בלום נאָך בלום —
געזעצלעכע עדות פֿון דײַן זומער,
מיט אַ מחנה פֿאַרבן און קאָלירן,
בראשיתדיק
אַרום דײַנע ברעגן.

הללויה

ס׳רעדט די גאַס אַ דראַמאַטישע שפּראַך.
די לבנה
אַ קאַלקולירטער אַנאַנס
איז מבשׂר אַ נײַעם חלום.

זאָג:
צי בין איך שוין טאַקע
דער לעצטער פון ייִדישן גלות?

אויף פּאָרטאָגיקע ווענט
פון מײַן שטאָט,
מיט פרומע פרייד־רגעס
אין עקסטאַטישן אינדערפרי —
ליד, מײַן רעטעניש,
לאָז זיך ניט פעלשן
אין פלאַטער פון נעאָן־פאַרבן.

וועסט ניט שטאַרבן.

דו רעדסט צו מיר מיט פרישקייט
פון וואַרעמען געבעקס,
מיט געטלעכע שפּרוכן
צווישן צערודערטע ביימער,
אין צאַפּלדיקן וויוואַט
צו מײַן דור —
דורך פּראָפּעלער־גערויש.

ס׳פליט מײַן ייִדישער שיר
צו ווײַטע דורות
אויף אָנגעצונדענע נאָטן.

תוכיק

מײַן שטאָט פון אויפגעשטעלטן שטיין
און אויטאָבראַזג
איז תּמיד טומלדיק און אָנגעזאַפּט
מיט גומירייד,
באַוווּנדערט, געשילדלט,
אין אינגעווייד פון פּאַרנאַכט,
וואָס טראָגט מיך צוריק אַהיים
פון דער טעגלעכער עקדה.

אַהיים —
טאַנצן ליאַלקעס אויף בראָנדזענע פּעדעסטאַלן.
שאַגאַלס פאַרבן טאַנצן אויף די ווענט
אָרקעסטראַל.

די קינדער שפּרינגען, ווי שטערן,
איבער שטאָק, איבער שטיין, איבער שוועלן.
גאָט, בענטש זיי,
מײַן לעבעדיקער קאַרוסעל,
וואָס דרייט זיך ניט אַוועק
פון זיך אַליין.

בײַ נאַכט —
מײַן שטאָט פאַרוואַנדלט זיך
אין אַ ליכטיקן גאָרטן
פון חלום און רו.
דער חלום, ווי אַ געטרײַער שכן,
קומט אומגעשטערט אין מײַן געצעלט,
אין יעדער שויב, דורך יעדער טיר,
אַ שבת־אינדערוואָכן,
מיט ניגונים — אַ פּישוף־רינג.

די גרינע האַנט

אין מײַן שטאָט וואַקסט
אַ נאָגעניש.
דער פרילינג קומט
און קניפּט־אויף
אַ בלויקייט־בינטל,
און פּאַטשט
דעם פאַרקלערטן פּאַרק
מיט אַ גרינער האַנט.

די גאַסן
אָטעמען,
פאָכען מיט ווינט
אויף שפּיץ ביימער —
אָנגעבלעטערטע קאַפּריזן
קרײַזלען זיך
קעגן זון.
דער זומער פליַיסיקט
אויף יענער זײַט טײַך...

און די שטאָט
ווערט עלטער
מיט אַ מבול
גרינע געבוירן־טעג.

כאַאָטיש

דער רעגן שווימט און זינקט
אין די פײַכטע אויגן פון פאַרנאַכט.
די בריקן וויגן זיך.
הויכע גאָרנס שאָקלען זיך מנחהדיק.
די שטאָט
שווינדלט פיבעריש.
און איך —
אין געאײַל, מײַל נאָך מײַל,
לייען
די פאַרנעפּלטע כּתבֿ־ידן
פון מײַן אויסגעקלעפּטער שטאָט.

דער טאָג צערינט אין די שויבן,
ראַנגלט זיך מיט צעהיצטע אויטאָס
און אונטערגרונט־באַנען
אין געפּילדערטן פּאַרקער.
אַ סטאַדע שעהען
נעפּלען און שווידערן
אַ גוזמא ליכט
אויף טומלדיקע סקווערן.

דער אָוונט ליגט פאַרטאַיעט, לויערדיק,
צווישן מאָגערע ביימער.
און ווען די נאַכט קומט
מיט ליכטשריפטן אויף ווענט —
ליגט צעבלוטיקט
אויף אָנגעצונדענע מויערן
שטאָטישע פּאַניק
אין זונפאַרגאַנג.

געלע נולן

אָקטאָבער
שרייט אַראָפּ פון שטאָטישע ווענט
מיט נולן.
די גאַס קלעטערט צום גערודער.
ביסבאָל-קעניג
הערשט איצט איבער אַלע בלאָקן.
און בלעטער פאַלן —
געשריבענע בריוו
אויף די שוועלן.

אין שטוב
אויף מײַן טיש
דרימלט שטיללעבן :
אַראַנזשן,
מעלאָנען,
באַרן,
פּאָמידאָרן.

זומער
טונקלט אין אַלע מײַנע ווערטער.
די נולן
הענגען שטום —
פאַרלאָרענע.

דימענטענע נעגל

„לייק-מישיגען" איז הימלבלוי
און פֿאַרטרוילעך.
דער ברעג שפּרודלט
מיט ערשט-צעקאַמטן זאַמד,
פֿאַרטראָגט אונדזביידן
אין וואַלגער
פֿון נאַכט-געדאַנקען.

די שטאָט —
אַ דזשונגל
פֿון צעהוידעטע שאָטנס
אויף אײַנגעשפּאַנטע שילדן.
אַ סטאַדע אויטאָס לויפֿן
מיט אָנגעצונדענע אויגן
ביז אומצוברעננגען
דעם נאַכטפֿײַער
מיט אונדז בײַנאַנד —
מיט די נעפּלען וואַרעמע, די פֿאַרבאָטענע.

די לבנה נידערט אַראָפּ
צווישן פּיספינגער
מיט דימענטענע נעגל.

צעפּראַלטער געזאַנג

...און יעדער שטיין רעדט צו מיר,
פּלומרשט אַ קאָמאַנדיר פון ראַנד צו ראַנד:
— אין די קנייטשן אונדזערע,
דײַן סטראָף.
די אייביקייט טריפט אין אונדז,
סוף־כּל־סוף
מיט זוניקן באַריר.

אונדזער ווערט און וואָג
צופוסנס דײַן שטאָט.
מיר, די גיבורים,
אין אַ פורעם פון דויער
אומצעשמאָלצן,
אונטער דײַנע טריט.

שאָטנס און שטערן
לויפן און רײַטן איבער אונדז
אין באָרוועסן גאַלאָפּ.
דער רעגן
קומט אַראָפּ און וואַשט אונדז אָפּ —
מיר ווערן תּפילהדיק ריין
אין זײַנע אויגן.

און דער ווידערקול איז פרײַ.
ער ברענגט אַנטקעגן
די בלויקייט
פון דאָרטן;
און במילא צו פייגל און ביימער —
די שירה פון גאָטס גאָרטן.

מאָזדאַ־אויגן

די נאַכטיקע געביידע
מיט צעלפולע מאָזדאַ־אויגן,
עלעקטרישער רעגנבויגן
צווישן לויערנדיקע סקווערן.

דורך גלעזערנע טירן
אויסגעליידיקטע פּלאַנעטן
פֿון אַכציקסטן
ביז אונטערשטע קאָרידאָרן,
מיט געשפּענסטיקטע קאָלירן
אײַנגעהילט אין דרימל.

און אין די קעלערן
אײַנגעשרומפּענע שוכלאָזע פּרויען
נידערן אויף די קני
מיט הונגעריקע בעזעמער
קערן אָפּ דעם אַרײַנגעבויטן שטויב
דורך שווערע גאַרדינען
אין ליידיקן חלל,
אַלץ העכער און העכער צום הימל,
אַ שטיק צײַט נאָך צוועלף.

אַלומינענער צויבער

גאַנצע צוויי טעג און צוויי נעכט
האָט געשנייט, געשנייט.
ווען דער שניי איז געלעגן
אין די גאַסן,
איז געווען אַ ווייכקייט
אין מײַן שטאָט.
דער הימל, אַן אָנגעכמורעטער
מיט געבאָטן,
האָט געשאָטן און געשאָטן אומשולד
אין מײַן שטאָט,
ווײַסקייט און שטילקייט בײַ די פּיס.

ביסטו, שטאָט דו,
פרומער געוואָרן
אין דײַן אַלומינענעם צויבער.
שלווהדיק
אײַנגענורעט די ראָרע שיינקייט
אין אַ פּאָרכטיקן וווּנדער.

זמן פון יונגע יאָרן

זמן פון יונגע יאָרן
ביים ברעג „לייק מישיגען."
אין דרויסנדיקן אומעטום
אַזוי פיל כוואַליעס
מיט ווינטיקע קולות,
מיט זילבער-שטראַלן,
שטיפעריש ווי פלייטן.

די נעכט אויסער זיך
שרייבן אַ הימל-שטערן-שריפט
איבער אַלע ימען:
אַז...
ווי מיינסטו, מאַמע?
ס'איז אַלצדינג חלום ביי די ברעגן.
און דו,
די זיידענע בענקשאַפט —
אין גערויש פון זעגל.

דאָס שיפל פליט, אַ האַרף אין ווינט.
די כוואַליעס בליצן אַרויף און אַראָפּ.
די לבנה, ברוסטיק, ווי צו דערגרייכן.
כ'שפין אַ נעץ, מאַמע,
פאַר אירע גאָלדענע לאָקן.

עס טויכן אויף אין יעדן פאָרט
אי ווייַן, אי ניגון;
און אַלע אויסגעשולטע שטערן
צאַפּלען זיך אָן אַ שיעור,
אָן אַ שיעור,
מיט פייַערגאָלד אין מיר.

געמאַסטענער שטויב

ריחות פון קוילן,
פון שאָקאָלאַד.
אַלע סכּנות
פון תּענוג און חלום
אונטער פּרימאָרגנדיקע הימלען —
דרימלען אין צאַפּלדיקע באַנען.

די ווײַזערס
פאַרטרײַבן אויסגעלאָשענע שעהען
ביזקל סך־הכּל צעוויגט
אין הויכן בראָנדזענעם וואַלד,
אָפּגעקלאַפּטע נקודות
פון ערנסטן טאָג —
שטרענגע זאָרגן
פון מײַן לעבעדיקער שטאָט.

ס׳געזעגנט זיך די נאַכט
בײַם ברעג פון צעכראַסטעטן טײַך,
אַנטלויפט צווישן אַ געזעמל
פלינקע מינוטן
דורך די שווערע האַמערס
פון בלײַוואָג.

און איבער מיר דער ווינט
אַ מײַסטער
פון געמאַסטענעם שטויב
קנעט נאַכט אין מײַנע אויגן —
אַן גענאַד.

אַ פֿייגל־חתונה

ווי פֿון אַ לאַנגן דרימל —
די שטאָט, מיט ליפּן דאָרשטיקע,
זייגט פֿון „לייק־מישיגענס" ברעג,
דעם ווײַסן שוים.
פֿון יעדן בוים
פֿליִענדע אותיות —
אַ פֿייגל־חתונה אין דער לופֿטן.

דער ווינטיקער כּלי־זמר
איבערן הויכן פֿעלדז
שפּילט אַ פֿאַרנעם־ניגון
אויפֿן פֿאַרשוויצטן בויך
פֿון זײַן פֿידל.
רופֿט צו זיך
אַלע באָרוועסע טריט
אויסגעלייזטע אין טיפֿן זאַמד —
רופֿט דורך סטרוניקע צווײַגן
צום זומערטאַנץ.

אין שײַן פֿון שקיעה
טאַנצט די נאַכט
שלייערלאַז.

גאָלדענע בלומען

ווען חלומות ווערן צעברעקלט
אונטער באַנען־רעדער,
ווער איך אָנגעצונדן
מיט אַ קינדערשן גלויבן:
אַז אויף די דעכער פון מײַן שטאָט
בליִען מיט אַן אומגעשטילטן גלאַנץ
גאָלדענע בלומען.

טאַנצנדיקע שטראַלן אין מײַנע אויגן
מיט אַ לשון פון וואַרעמע מחשבות:
אַז אין שטאָטישן קאָשמאַר
ליגן אָנגעגליטע לבנות
פון יעמאָלט אָן —
געטרײַ דעם באַשעפער.

אין יענעם אינדערפרי —
אַפילו שוואַלבן־געפלי,
ווי בלומען־בלעטלעך,
האָבן באַפּעכערט מײַן שטאָט.
די זומערדיקע לופט
און די רגעס
פון רויך און ליאַרעם,
פון אויטאָס און אָמניבוסן,
האָבן טומלדיק מײַן קינדערשן טרוים
געמינערט.

נאָר אין מײַנע אויגן — פאַרפאַלן!
צעשמאָלצענע שטראַלן,
ווי אין שליחות,
בליִען ווי גאָלדענע בלומען.

ביי די ברעגן פון „טײַך מישיגען"

לזכּרון מײַן קאָלעגע־דיכטער
א. עסעלין ע"ה

בײַ די ברעגן פון „טײַך מישיגען"
האָב איך דיך באַזונגען,
חבר דו פון מײַן יוגנט.
כ'האָב ניט געטרויערט.
נײַערט גרינג און פרײַ,
מיט פאַרגאַפטע אויגן,
געמאָלן אַלע וווּנדערס
פון נײַעם האָריזאָנט.

ס'מאָנט פאַטאַל
צעוואַקסענער נעכטן
בײַם ברעג פון טײַך
אונדזער יונגן פרילינג —
די צערטלערײַען
פון זאַמד און לײַב.

צווײַגן זענען זיך צעוואַקסן
אַרום די האַרטע טורעמס,
ווי ווייכע פליגל
צום יידישן גאָלדענעם מאָרגן,
וואָס האָט געדרימלט
אין די שטיינערנע ווינקלען.
דו האָסט געמאָנט אַ סך —
(געווען מיט זיך אַליין אין קריג).

און איך,
באַרוישט פון ווינט און כוואַליעס,
האָב דאַרשטיק געזויגן
אַל דאָס גוטס פון אויסטערלישן רעגן,
און אין צעוואַרעמטער בלויזקייט
צעהאַנגען אויף געצאַנקטע פעלדזן
אונדזערע ייִדישע פּערזן.

פּאַפּירענער טײַפֿון

דער טאָג רױשט —
אַ פּאַפּירענער טײַפֿון
ביז צום הונדערטסטן גאָרן.
עמעץ װיל אומישנע
כ'זאָל קלעטערן אַלץ העכער.

דער טאָג הענגט
פֿאַרװוּנדיקט
אױפֿן מױער.
טאַטױִרט
מיט בלײַיִקע מאַפּעס.

ערבֿ־חלום־צײַט.
דרימלט אין יעדן שױב
דאָס פֿײַער
און פֿאַרװיגט אַלע
זײַנע װוּנדערס.

די נאַכט,
מיט אָנגעצונדענע אױגן
און פֿײַערדיקע האָר,
באָדט זיך,
מיט שטערן און לבֿנות,
אין שפּיגלדיקן טײַך.

בוימעריש הויך

אַט וואָס איך האָב געזאָגט
צום טיף־אײַנגעוואָרצלטן בוים
מיט ברידערלעכע
צווײַגן־הענט
אין מײַנע שויבן:

לאָמיר זיך שטאַרק ארומנעמען.

כ׳וויל זײַן יונג,
ווי דו.
כ׳וויל זײַן אַלט,
ווי דו.

דער דאַרער גוף פון בוים
האָט גערעדט צו מיר
פאַרטראַכט:
איך און דו
די קינדשאַפט
פון איין טאַטן —
אחד.
אַט, דאָ,
בײַם ברעג פון דײַן שטאָט
ווער בוימעריש הויך
און צי זיך צום הימל,
צום אייביקן ווידערגעבורט.

אין די שטאָלענע געוועבן

די שטיינערנע שטאָט באַגלייט מיך מיט אַ שמייכל
און קילט דעם אָפּהילך פון הייסן שטאָל.
גאָרניט ענלעך צום סאָנעטן־קלאַנג,
וואָס די כוואַליעס שרײַבן בײַ די ברעגן.

בײַם ברעג טײַך
גאָלדענער זאַמד ליגט צונויפגעשאַרט
אין שווײַגשאַפט פון ווײַטע וועגן.
די נאַכט,
שיילט זיך אויס פון איר פינצטערניש
און מאָלט
מיט קילער פאַרב
די שטאָלענע געוועבן.

דער פּשט פֿון זיך אַליין

איידער דער ווינטער איז געקומען
האָב איך געזונגען
דאָס ליד פֿון געבורט.
ווען דער ווינטער איז געקומען —
אָקטאָבער איז געווען פֿאַרגאָסן מיט בלוט.

אָ, מאָלער דו מײַנער,
מאָלער פֿון פֿאַרב, פֿון געמיט.
דער רעגן איז בלוי, די שטאָט איז גרוי:
פֿאַר וואָס דאָס בלוט אין מײַן ליד?

דאָס בלוט איז דײַן פּלאָס,
און דו — די לאָס
אויף גאַסן, אין סאָבוויים,
אין שטאָלענעם אוניווערס.
צווישן שטיין און שטיין —
דער פּשט פֿון זיך אַליין.

פֿאַרעקשנטע קאַלטע רייד
פֿון ערב-ווינטער
האָבן זיך ניט געפּאָרט
מיט סוף-זומערס אינטים.
דיביימער, מיט טרוקענעם גלײַכגילט,
האָבן זיך אויסגעטאָן נאַקעט
קעגן רויטן צאָרן —
קעגן דעם רעטעניש פֿון קאַלטן שטיין.

צוקאַפּנס פון טאָגן

א

צוקאַפּנס פון טאָגן,
בעת כ׳ליג אין שלאָף געפאַנגען,
הער איך דורות־בלעטער
שטילערהייט
צו זיך ריידן, מאָנען:
סטייַטש,
די זון ליגט נאָך אין בעטגעוואַנט
פון וואָלקנס,
מיט ברעקלעך פינצטערניש
און וואָלדיקע גערוכן,
ווען מיר אַלע זוכן
אין יעדן פאַלד
פון אַנטבלויזטן דרויסן
דעם אַנטלאָפּענעם חלום.

ב

די שויבן ווי מעסערס
צעשנײַדן דעם אומזין פון שלאָף.
פרימאָרגן קריכט אַראָפּ פון נאַקעטן הימל
אַנגעטאָן אין בלויען שווײַגן
און שפּרייט זיך אויס
ה י פּ י ש
אויף אַלע גאַסן, טעראַסן, הױ־האַען,
ביז מײַן בעט.
די שעה ווערט וואַך.
אַלץ אין מיר גאַרט
אַרײַנצולויפן ווידער אין דער נײַער
סינאַגאָגע
אויפוועקן מיליאַרדן שטיקער
דאַווענען
— צעלייגטע אויף בענקלעך
שטומע אורחים.
גאָט, די נײַע לײדיקייט אין אוהליך יעקב,
שרעקט מוראדיק.

ג

שקיעה־צײַט. אָט זע, אַלץ ווערט אַלט.
די זון פֿאַרגייט
און אַלץ ברענט
אָן אַ טראָפּן רחמנות.

אין דער גלעזערנער אֵימה
פֿון מײַן שטאָט
ווערן די שעהען געהיימער.
כ׳ווער אַרומגערינגלט
אין דעם ענגן קלעם פֿון פֿאַרנאַכט
צווישן ביימער־יתומים
און הער
די פֿאַרשפּעטיקטע שטימע
פֿון מײַן זיידנס פּלייט,
וואָס איז נאָכגעלאָפֿן די זון
אין ים אַרײַן.

ד

ווען יידישע ווערטער שטאַרבן,
זאָג ניט: טויטע ווערטער,
נײַערט —
אַראָפּגעפֿאַלענע שטערן.

ה

פאַר יעדן טראָפּן רעגן
פאַרזיי אין מיר אַ טראָפּן פרייד
פון זון צוגעשטעלט.
יעדער טראָפּן וואָס מיר איז באַשערט
ווי נײַגעבוירן —
דער טאָג זאָל ניט וויאַנען.

אויסגעטרונקען אַ פולן קרוג שטראַלן,
אויסגעקושט
די פאַרשיכּורטע פאַרבן פון אַלע עפּל,
דער זומער זאָל אין מיר
אַזוי גיך
ניט שטאַרבן.
איידער דער האַרבסט
וועט די שיינקייט אונטערצינדן
צוזאַמען מיט די באַרן —
פאַרזיי אין מײַנע שויבן
דעם סוד פון אָפּגעבליטעביימער
וואָס טוען צו דיר ריידן.

הויכע פּיראַמידן

1

כ׳שטיי תּמיד מיט מײַן פּנים
צום מזרח־ברעג
אונטער דעם חסד
פון שטילקייט.
ווײַל ס׳איז ניטאָ מער
אומבאַרירט,
ווי שווײַגשאַפט —
ווען די שטראַלן ווי גלעקלעך
רופן דיך
אין טײַך אַרײַן
צו שחרית.

אומרו און שרעק — מײַנע פליגל.
די שווערע בלויע טיר צו דײַן הימל
איז דורכווים מיט תּפילות,
און די פליגל זענען תּמיד צעריסן.
נאָר הײַנט וועל איך די זון,
דײַן פּנים,
אין מײַנע אויגן פאַרשליסן;
אין צײַטווײַליקן צירק פון מײַן שטאָט —
דײַן וואַרעמקייט באַגריסן.

אָט דאָ, בײַם זומערברעג,
איז יעדער בוים (אַזוי שרײַב איך
צו מײַן קוזין אין ארץ־ישׂראל)
אַ באַוואַלדיקטער ייִד,
יעדער שטיין משפּחהדיק פֿון נעכטן
מיט תּפֿילהדיקע נעמען,
מיט אויסגעלאָשענע כוואַליעס
ווי מוצאי שבת —
גרייט.

אָט דאָ, בײַם זומערברעג,
ליגן אײַנגעדרימלטע יונגע כוואַליעס
ווי ווייכוואָל אין דער פֿינצטערניש
און העלפֿן דעם געלערנטן זיך אונטערוואַרפֿן
דעם געזעץ פֿון אומעט,
וואָס סוף כּל סוף פֿאָרט, ווי אַן אָפֿענע שיף,
אין דער אומענדלעכער טיפֿעניש
אַרום לײַכטטורעמס
מיט נײַע זינד און אַלטע תּפֿילות —
אַ מין יום הדין־אַזערע.

פֿאַרפֿלאַנץ איך דאָ אין דער זאַמדיקער לאַנדשאַפֿט
ניואַנסן פֿון בראַנדזענע וואָלקנס
וועמענס גלאַנציקע טראָפּנס
סײַ טאָג, סײַ נאַכט,
באַלײַכטן די אײַנגעזאַמלטע, רײַכע
קלוגשאַפֿט
פֿון האַרבסטיקן אויסגיין.

2

פול מיט יונגשאַפּט אויפן גראָז
ליגט דער תּנ"ך —
אַלץ איז אין אים פאַראַנען:
מאַמעס לעצטער קוש,
מײַן עלטער,
מײַן ליבע.

און דאָ,
ניט ווײַט פון מײַן בבלשן געראויש
הענגט אינדיאַנער רויטער זומער
איבער מײַן דאַך,
נידעריק און זאַמדיק,
באַקליינט
און
באַליימט
אויפן אַלטן באַרג פון זכרונות.

בײַם ברעג פון געצאַמטן טײַך
און בײַם אָונטיקן פּלאַם
צייל איך גרויסע עשירות
צווישן מײַנע אויסגעטאָקטע שטיינער.
כ'האָב פון זיי
אַרויסגעזויגן
העכסטן חידוש
פון דײַן נאָמען.

רינגלסט מיך אַרום
טאָג און נאַכט
מיט רויך און שאָטנס
אין די לאַנגע, הויכע פּיראַמידן.
מיר איז טײַער דײַן גאָב,
וואָס ווערט קיין מאָל פֿאַרלאָרן
אין די שטאָלענע קאָרידאָרן.
כ׳טו דיך אָניאָגן
טויזנטפּיסיק
אויף מײַן פּאַפּיר
מיט מײַן גורלדיקן ליד
פֿון קינדווײַז
ביז איצט.

אויף אַלע פֿאַלירטע שטיינער
און ביימער
איז אויסגעקריצט דײַן חסד —
און אַלץ האָט זיך צעבליט,
אַ דאַנק דיר, אלהים,
אין מײַן בראַנדזענעם גאָרטן.

פלעמלדיקע סטאַטועז

פּיקאַסאָ, שאַגאַל,
וועלטבאַרימטע מאָלערײַעז,
סטאַטועז,
איז מלכות פון מוזיי.
פּאָלירטע שטאַפּלעז פון גראַניט,
באַוואַכט און אָפּגעהיט.
אַ מחנה טויבן־סופליאָרן,
ווי פון רוים,
פאַרהילכן מיט פליגל־פּאַטשערייִ
דעם אַרום פון בלעך, אײַזן און שטאָל.

בײַם הימלזוים,
אַלע רויטגעפאַרבטע פאַרנאַכטן
פאָלגן נאָך דעם אָוונט
איז גוטן־אָוונט ליכט.
די נאַכט —
מיט הייסער פינצטערניש
דורך אַלע ביימער —
מיט אָנגעצונדענע געדאַנקען,
מיט ווילדע ווערטער,
פון דור צו דור
איז צעהוליעטן טײַך.

אָונטצײַט —
ווען טולפּאַנען איז פאַרכּישופטן קרײַז
ווערן וווּנדערליכט
— קעגן טאָג איז שײַן —
הויכע, שאַרפע אָנגעצונדענע מויערן
פאַרוואַנדלען זיך
איז פלעמלדיקע סטאַטועז.

בלעטער־געלאַף

דער שניי וועט קומען
מיט ווײַסע טריט
פון אַ כּלה,
מיט שרעק
פון אַ פאַרשפּעטיקטן חתן.
אין דרויסן —
אַ חתונה
ניט צו דערקענען.
דער ווינט הילכט
מיט פּסוקים :
זיך צו פאַרטראַכטן.

אַנוסטן דיך געהאַלדזט,
יונג־זומער
פון פעדערן און פייגל.
ביסט געווען
אַ שלאַנקער בוים
מיט אַ צעצווײַגטן צאָפּ
אין וואַסער־שפּיגל פון מײַן שטאָט.
איצט,
אין גאַלאָפּ,
די פּליטה דײַנע
בלײַבט אומפאַרשוויגן —
מיט אַ בלעטער־געלאַף
וואָס האָט זיך
געלרויט
און אַנגסטיק
אונטער די פיס פאַרקליבן.

ברויזיקע פֿאָנטאַנען

דער ים
מיט ברויזיקע פֿאָנטאַנען
שפּריצט שוימיקע וואַסער־טראָפּנס
פֿון ששת־ימי־בראשית
אַריבער דעם שטיינערנעם ברעג.

די בלוילעכע ים־שריפֿט
שרײַענדיק
וואַשט
צוקאָפּנס פֿון אַ בערגל
אויסגעשפּיגענע געשטאַלטן
פֿון זאַטע כמאַרעס.

פֿון יעדן שטורמישן בוים
דער שׂונא
פֿון הינטערלאַנד
מיט שרעקלעכע סתּירות
שפּאַלט
די פֿאַרשלאָסענע שטומקייט
מיט יאָרן
פֿאַרטונקלט.

אין בלעכענעם טומל

אוי, דו גורל פון צוויי־מאָל־צוויי
אין בלעכענעם טומל
פון אויפגעבויטן טינטער,
ציפּערדיק
און פינטלדיק,
גאָט
פון
גאָלדיקע נולן
אין באַלויכטענעם
גערומל.

האַר
פון פאַרעלטערטע יִינגלעך
און פון אָפּגעשטעלטע הערצער
מיט רגעם
פון קענטלעכע ציפערן
קינעטישע
דורך שפּאָגל־נייַע מאַשינקעס
מיט געצילטע פינגערפּיַילן
צום געווינס.

האַר
פון אַלע פאַרנאַכטן,
ממילא —
פון פאַרלאָרענעם אוצר
מיט שטערן־קליינע־גראָשנס
און וועקסלען —
פּלוס און מינוס
ביז צום שטויב.

אַוואַנטוריסט

ביסט וואָך
מיט טעגלעכע מינוטן.
אײַלסט זיך
ניט צו פֿאַרשפּעטיקן
אויף אַ האָר.
דער טאָג
איז דאָך ניט קיין קלייניקייט —
איידער די נאַכט
פֿאַרפּלאָנצט
אירע שטעכיקע שטערן
אין דײַנע האָר.

אונטער דײַן לײַב
דער סדר־היום
שטראָמט
האַלב־וואָכעדיק
אינעם דרויסן,
פֿאַררײַסט שבתדיק
דײַן קאָפּ
צום העכסטן באַבלעטערטן בוים,
פֿליגלען צום הימל. — —

לאָמיר פֿליִען צוזאַמען.

ווינט און מאַטאָרן

שאָטנס,
ווי צווישן
שלאָף און חלום,
לויפן געדיכט צום דרויסן
פון די טונקעלע קאָרידאָרן,
פאַרשווינדן
אין דער באַוואַכטער בהלה —
אַוועק פון די מויערן,
אין די טונעלן
פון ווינט און מאָטאָרן.

וואַקלדיקער פאַרנאַכט
לויפט זיי נאָך
אין די הינטערגאַסן,
דורך שמאָלע טירן.
וויל מיט פאָרכט,
מיט פליגל און חלום,
די צעפליקטע שעהען באַצירן.

נאָר דער שלאָף,
אָן ווערטער,
פאַרשליסט די שמאָלע טירן,
און אַלע שאָטנס
צעשפּיליען די שווערע מלבושים
און גראַבלען זיך
אויף לייטערס
צו יענער זײַט טאָג
וואָס וואַרט אויף זייער קומען.

אין דעם געזאַלבטן גן־עדן

(אַמעריקאַנאַ IV)

אייבי לינקאָלן

...אַלץ איז מיר טײַער אין דײַן לאַנד :
שטײן, גראָז און שטאָל.
כ׳שטרעק אויס מײַנע איבערגעשראָקענע
פינגער אין טיפֿן זאַמד
פֿון דײַן שטאַט
און שרײַב אַ פֿאַרשפּעטיקטן „אָז ישיר״
צו דיר.

שײן איז געווען דײַן באָרד.
דײַנע קינבאַקן.
דײַן ביבליש קול.
איך, ווען אַ קינד אין אַ העמדל,
האָב געטראַכט
אַז דו ביסט מײַן פֿרומער זיידע
אין דײַן אַלטן שאַל,
ווי אין אַ טלית פֿאַרטרערט.
ביסט מיר געוואָרן אייגנס,
די היימישקייט אַליין,
פֿרײַ און הויך,
ווי באַשאַפֿן פֿאַר לידער —
אַ לעגענדע צו דערציילן.

כ׳בין געקומען צו דיר אַ סך שפּעטער,
אייבי, פֿעטער,
דורך ספֿרים און שבֿועות
און קבֿר־אָבֿות.
גרויס איז געווען די אֵימה
אין גיפֿטיקן נעפּל
אַרומגערינגלט מיט הילכיקע קייטן
אין די אוראַלטע וועלדער.

ווען די קויל איז פלוצלונג
אַרײַנגעפלויגן
אין דיר,
אוי, אייבי פעטער,
האָסטו ווי דער זומער זיך אויסגעצויגן
ערב־האַרבסט,
רײַף און לאַנג,
צווישן ווערטער־גראָזן.

ס'האָבן טײַכן געקלאַגט
און שוואַרצע טרערן זענען גערונען
פון די שטערן.

מײַן דור

זיי טראָגן קופּעס לאַנגע האָר,
בערד,
בלויע הויזן,
גיטאַרן
און סאַנעטן אויף די ליפּן;
אויג אויף אויג
אין בלוי,
אומעטיק באַלאָדן
מיט גומע־זיסקייט.

ציבורדיק
באַוואָפנט
מיט שירים פון
אומפאַרשטענדלעכן טרויער
זוכן
דורך דיקע שויבן שפּאַקולן
העלן װוּנדער
און ענטפער
פון אויסגעהרגעטע חלומות.
אין דעם אָװעקפּאַל פון אַלע נעכטנס
דער צעקנייטשטער מאָרגן מאָלט
צווישן אומבאַשיידענע לענדן
אָפּגעדעקטע פּאָרטרעטן.

SENIOR CITIZENS

זיי שאַרן זיך פֿאַרבײַ
יעדן טאָג און פֿאַרנאַכט
צום פּאַרק
און בלײַבן פֿאַרקאָוועט
צו די בענקלעך
ביז מידקייט —
אַראָפּגעטרייסלטע, אויסגעשיילטע,
באַוואַכטע,
אין דער אייביקער שטילקייט.

כ׳זע זיי אין טורעם פֿון רחמים,
אין דעם פּלאָנטער פֿון אויס-ליכט
אין אויסגעלאָשענע טריט.
ווײַבער — און פּאַראַסאָלן.
מענער — און שטעקלעך.
זיי שטריקן זכרונות
אין וואַלד פֿון פֿאַרנאַכט
פֿאַמעלעך, מיט ציטער,
איידער שלאָף זינקט אין די אויגן.

און פֿאַלט איינער פֿון זיי
מיט איין אָטעמבלאָז,
אומבאַהיט,
כּורעים אין מיטן פֿאַרנאַכט —
ווער קען היילן דעם טרויער
בײַם ראַנד פֿון טויבע שעהען ?
דורך בלינד-געטאַפּטע גאַסן,
ווי אין צעשפּאָלטענע שפּיגלען,
מיניען זיך ניגונים
איבער קברים.

טעלעוויזיע

אַ שויב פון זייפעלעך כוואַליעס
זשומעט מיט בינען־האָניק־רייד —
די פרייד פון גרויסע סעודות
אין צעהוידעטן ים,
וואָס שפּרודלט אַרויס
דורך שוימיקע כוואַליעס
מיט אַ פליסיקער זיכערקייט
הנאהדיק
פון כּי טוב.

אַלץ איז יונג און שיין
און באַזילבערט
אין דער אײַנגעזאַלצענער שויב.
אַ וועלט פון אויסגעמאָלענע ספערן.
אַלץ וואָס לעבט
איז רעקלאַמע
אין אַ לאַנדשאַפט פון צופעליקע הימלען.

ס'איז תּמיד שׂמחה
אין אָנגעצונדענעם בויך
מיט זעלטענע
קיין מאָל פאַרעלטערטע
אייביק געוואַשטע געטראַנקען
פון מויל־צו־מויל
אין דעם אַנטבלויזטן גן־עדן.

צעזונגענע ניסים און גלעזערנע רייד
אין כוואַליקן געפּעכט
ביז בלינדקייט,
ביז לאַנגווײַל.

וואַכעדיקער טומל

דער נאָך־ניט־אויפגעוואַקסענער פרימאָרגן
און דער זייגער
פירן אַ פּינקטלעכן שמועס
דורך די שויבן —
מכּוח צייַט.

און צייַט,
מיט אַלע אײַנגעמויערטע סכּנות,
יאָגט פון שפּיגל אַרויס
אַלע אָפּגעקוקטע שטערן,
וואָס האָבן באהבה
דורך דער נאַכט
געוועלטיקט אויף די ליפּן.

די מינוטן,
נאַקעט־באָרוועס פון די בעטן,
פאַרגלעטן נאַכטישע געוועבן
מיט דימענטענע וואַסער־טראָפּנס.
עס סודען זיך
אין די שופלאָדן
טיכעלעך און זאָקן
און פאַרצוקטע חלומות.

דער טאָג וואַקסט
אין וואַכעדיקן דרויסן
מיט ניט מער דערקענטע רגעס,
ווי אָפּגעריסן פון הימלישן ריף —
אַרומגעבונדן
מיט ערדישע ווונדן.

דאָס ליד פון טולפּאַנען

אויבן אָן,
אין זילבערנעם וואַזאָן,
טולפּאַנען בליִען
צו דערמאָנען
אַז גאָט איז נאָך דאָ.
קרוינבלעטלעך,
ווי פאַרשעמטע כּלות,
לייגן זיך שוויַיגיק
אויף מיַין טיש
אין ריטמען פון שטילקייט,
גרייט
צו דערפרייען
באַגליקטע לאַנדשאַפט
ביַים ברעקל ברעג
פון טאָג.

גנעדיק-דין,
גראַציעז און געהיים
אין זייערע אויגן פאַרמאַכטע —
דאָס גרויסע ליכט
פון פאַרביקע הימלען;
בת-מלכּהס
פון יענוועלטיקע פּאַלאַצן,
מיט באַגליקטע רגעס,
דאָס ליד,
פון מיַינע געצווילינגטע טולפּאַנען.

ווילדלויפיקע אינדיאַנער

אויף די שויבן בלייכט אַ הייליקייט.
מײַן טעכטערל שפּילט
גערשווינס ראַפּסאָדיע אין בלוי...
ס׳רעדט נאָוועמבער חלפדיק
צום גדלותדיקן אינדיק.
זײַן זומער ליגט פאַרקניפּט
אין אײַנגעשטײַפטע שנירלעך.

ער טובלט זיך
אין פלייצנדיקן פײַער
ביז דער טאָג מיט הונגער
קומען זיך צוזאַמען.
די פלאַמען,
ווי די פּילגרימען,
טראָגן דעם ריח פון ימען,
ווילדלויפיקע אינדיאַנער.

אַזוי פלעכט מײַן לאַנד
דעם ברכת המזון,
בעת די קוקורוזעס
ליכטיקן
אין פײַערקרײַז אויף אונדזער טיש.

צעשלאָגענע שטילקייט

נאַכטיקער רויך
קריכט טיפער אין די אויגן.
דער טאָג
האָט זיך אויסגעצויגן
ביטער זים
קעגן אַ בינטל געהיימע שטערן.
די צעשלאָגענע שטילקייט
איז איצט אַ סך
שטילער
צוקאָפּנס
דער פאַרלאָשענער
שקיעה־שעה.

ווי תמיד
ביַי די שטיינער
פון טיַיך —
די זון
האָט זיך געטאָן נייגן
קעגן ערב־נאַכט
פון אויסגעלאָשענע ביימער
און געבליבן
ליגן ביַים ברעג
אין שוואַרצער ענגשאַפט.

געזאַלצענע פראַכט

אויפגעבויטע טעראַסן,
פרישע גאַסן,
שעמערירן משונהדיק
אין דער שעה פון שקיעה.
ס'שׂרפהט די זון הייסע יסורים
אין גאַלאַנטעריע־שויבן.

אין דײַן גלי
אַלץ איז מיט פאַרבן אָנגעצונדן.
אַפילו די אָפגעזונטע פאַלמע־מיידל
וואַרפט פונקען־בליקן
צו יעדן נײַ־געקומענעם,
ווי אַ ברענענדיקער
פאַרצײַטיקער סנה —
אומפאַרברענט.

שפיגל איך זיך אין דײַן פײַער,
אין דײַן זאַמד,
אין די אָנגעצונדענע פאַררויטלטע פיגורן
פון געזאַלצענער פראַכט.
די אײַנגעשפאַרטע טיפוואָרצלדיקע נאַכט
לויכט
מיט מאַראַנצן־שטערן
אין צעשפילטן אַרום.

JOGGING *

די שמאָלע טעג
ווערן שמעלער
און שמעלער.
אין קעלער
דאַוונען
שוואַכע אָנגעצונדענע
אַלטע שעהען,
און אויף יענער זײַט נאַכט
שפּראָצט
פֿון טיפֿע גראָזן
אַ יונגער פֿרימאָרגן
אָן פֿאַרדראָסן.

לב, שבלב,
כ׳לויף צום אינדערפֿרי
און דו,
לויפֿסט אין מיר
רעגלמעסיק, אָנגסטיק,
כּסדרדיק ;
שטרײַטיק
קעגן שאַרפֿן ווינט
פֿון וואָגיקע מײַלן.

---

* לויפֿלינג.

ווי ס'וואָלטן די בלעטלעך
אָפּגעדעקט
אומפאַרשטויבטע שטראַלן
אונטער מײַנע פוסטריט
די חכמה פון עץ־הדעת
אין גן־עדן־דרויסן —
דער הימל, כּעלות השחר,
איז די נשמה אַליין.

לב, שבלב,
קלאַפּסט אין מיר
מיט נאָכוויי פון אָנהייב
און יוגנט
אין מײַן באַלעבטן שפּרינגען
מיט מאָס און מיט גוואַלד
קעגן אַלע סכּנות.
דו, האַרץ אין מײַן ברוסט.
מיר ביידע
ווילן באַזיגן שטאַרביקייט
אין געאיבטן לויפלעריי.

JOGGING: VARIATION II

גאָר,
גאָר
פֿרי,
ווען איך לויף
בײַם ברעג טײַך
און זוך
קינדעריש
וווּנדער־שטערן
אַראָפּגעפֿאַלענע
אין טיפֿן זאַמד —
לויפֿן מיר נאָך
שפּעטע שעהען
פֿון נאַכטיקן קלעם
ביז די זון
שרײַט אַראָפּ
מיט צעבליצטע שטראַלן
אין טײַכיקן שפּיגל.
כ'הער
אין מײַן טאַנצנדיקן
לויפֿן
צעוויגטע תּפֿילות
צווישן שטיינערנע ציינער.

מײַן שכן, דער מלך פֿון בייסבאָל

א

מײַן שכן איז אַמעריקאַניש
מיט בייסבאָל־געפֿילדער.
ער כאָוועט
טאָג־טעגלעך
צאָל און חשבון —
אַ שפּיל פֿון פֿילקעס.

און בבללדיק הויך
זײַן טעלעוויזיע
הילכיק
דורך טירן און פֿענצטער.

ס׳נעמט זיך דאַכטן:
אַז אַלע צוגענאָגלטע
פּלאַקאַטן
טרײַבן דעם בייסבאָל־שפּיל
ווי אַ שטראָף
אין מײַנע אויערן.
הײַנט,
נעכטן,
אַלע מאָל.

ב

זײַן אײַנגעראַמטער גאָט,
וועמענס חרפּה איז פֿאַרשלייפּלט,
הענגט אויפֿן וואַנט
מיט אויסגעמאָלענע ווונדן
און דערנער,
באַפּערלט מיט טרערן —
פֿאַרקלעמט.

פֿון הינטער מײַן שכנס
טשופּרינע
זײַנע אויגן פֿינקלען
ערב מײַנע ווערטער
בנוגע
זײַן בלוט־באַפֿלעקטן גאָט,
וואָס הענגט היימיש,
אײַנגעבויגן,
מיט אויסגעשולטע ליידן
און איז גאָר ענלעך
צו מײַן ברודער
וואָס איז פּלוצלונג געשטאָרבן
צו 46 יאָר.

סינדערעליש

אַ גאַנצע נאַכט געהערט
בלינדע האַמער־שלאָגערס
אין דעם טורעם
אַקעגן איבער
פאַרריכטן געהיימע טירן
פון חלום און געמיט.

דאָס ליד
האָט געבליט
אין אַ שטערן־גאָרטן.
דאָרטן איז געוואַקסן
סינדערעלישער חלום,
איר בעזעם.

אַלע שויבן
האָבן געשוויגן,
ווען די לבנה
האָט זיך דאָרט פאַרקליבן,
מיט שפּאָגל־נײַע פעדעם
צו פאַרסטריגן
אירע צעריסענע שעהען.

אין איר שיכל —
זײַ ווײַסן —
איז איר יונגשאַפט
פאַרבליבן
פירשטיק מיט ליבע
און מיט שפּעטע שטערן.

קאָובוי פון ווילדן וועסט

נעם אַרויס פּלינק און גרינג
און שנעל
דיַין רעוואָלווער
און ווער דער האַר
טויט
בכּבודיק אין שטאַרבן.
שלינג זיך אָן מיט זילבערנע קוילן,
קאָובוי פון ווילדן וועסט,
שפּיַי־אויס די נאַסע נעכט,
היץ און זאַמד,
און איך וועל זאָגן:
די וואָג פון דיַינע אַקסלען
איז הימלוואָג.

און מיר'ן בענטשן הויך
דיַין קינעטישן גן־עדן:
דיַין פערד,
די ערד,
דעם שטעכלפלויט —
די פאַטאַלע ליבע דיַינע.
אין האַנט דיַין ביקסל —
אַ נאַכטיקער געוויקס
בלוטיקט הײם
דורך שטויב און צעלולאָיד.

ברויט און בלומען

דער רעגן —
גאַנג זײַנער
פֿון הימל אַראָפּ,
עפּעס ווי בלינד
אין באָרוועסן דרויסן,
און טרעריק
אין פֿעלד,
אין גאָרטן,
מיט קאָסמישע אותיות
פֿון בלויע הויכן,
מיט בענקשאַפֿטן
פֿון ברויט
און בלומען —
גדלותדיק
קעגן דעם ווינט,
דעם שלעגער,
פֿון געיעג און געלעכטער.

אַ זעלטענער עדות —
דער זומער
מיט פֿאַרפּוצטע ביימער
און גרינע ברעמען,
מיט צעעפֿנטע פֿאַראַסאָלן.

אויף די שפּיצפינגער פון גראַניט

דער טײַך
אויסגעטרונקען האָט
די לעצטע שטראַלן פון טאָג,
אַראָפּגעגנידערט אין
אויסגעלאָשענער טיפקייט.

און נאַכט איז געוואָרן.

די לבנה איז פאַרפאָרן
צווישן פינצטערע גאַסן,
האָט אויסגעפּאַקט
אַלע אירע שטערן
און אירע גאָלדענע בעכערס.
די אָנגעצונדענע שטאָט
איז ליכטיקער און לוסטיקער געוואָרן —
שיכּורדיק,
נאַקעטער
געוואָרן.

און דער טאָג, ווי זײַן שטייגער,
האָט גערוט
אויף שלעפעריקע ביימער.
די בלוילעכע שמייכלען פון קאַיאָר
געהאַנגען זענען
אויף די שפּיצפינגער פון גראַניט.
ביז די ציגלווענט
האָבן זיך פאַרוואַנדלט
אין פאַלירטע שפּיגלען.

פאַרשטײַפּטער שלאָף

ווי אַזוי שטאַרבט אַ שטיין?

איינער אַליין.
פאַרשטײַפּטער שלאָף
רירלאָז
און בלינד
אין זיך אַליין.
אַ בערגל
פון פאַראַיאָר
מיט דינע, מיני
גרעזלדיקע האָר,
מיט ווינט
אין זײַן רוקנטיר,
מיט שוימיקע כוואַליעס
און
רעגנפולע שירים.

ווער באַווײנט אָפּגעשטאָרבענעם שטיין?

אַ קליינע
צעבליטע בלום,
אַ יאָרצײַט-ליכטל,
אײַנגעוואָרצלט
אין אים,
פלעמלט
יאָר
נאָך
יאָר.

פּרווידיאַניש

צווישן ברוסטמילך
און טרערן —
ניט שייך צו פרעגן
די קליינע ליפּן.
זיסקייט אַזאַ
פון נעכטן,
פון אַ מאָל.

דער ריח פון מילך
פירט מיך צוריק
צו דער מאַמען.
יונגער ווידערקול
פול מיט דורשט
בליצלט
מיט זויגשפּראַך.

לעצטער טראָפּמילך
אויף מײַנע ליפּן
שוין לאַנג פאַרטריקנט.
די מאַמע
איז אַראָפּ
מיט באָרוועסע טריט
טיפער
אין שלאָף,
אין צעקנייטשטע
תּמוזדיקע גראָזן.

אומבאַשיצטער פרילינג

ווינטער ליגט אויסגעצויגן
מיט פאַרפרוירענע מחשבות.
דער טאָג אונטער די פּיס
איז ווייכער געוואָרן,
אויסגעזויגן פון קלאָרן שניי
דאָס שווייַגן
צוזאַמען מיט דעם ליכט פון פאַרקלערטקייט.
קוק, דערקלער,
די נייַע ווערטער צו מייַן בענקשאַפט
און שענק מיר אַן אוצר
פון צעבליטן מאָרגן
כ'זאָל הערן,
אם ירצה השם,
די וואַרעמע טריט פון זומער
אין דעם זאַמד פון מייַנע ספערן.

אָט הער:
ווי ליכטלעך אייַז
אַן דעם מינדסטן אָפּהאַלט
מיט אַ שפּרינגעניש
פון נאַקעטע ביימער
אַראָפּ
פאַרצייכענען
די אייביקע געטריישאַפט
פון אומבאַשיצטן פרילינג
אין אָנהייב פון זייַן קומען.
און נאָך מער —
די טיף פאַרהוילענע פאַרלאַנגען
פון די יונגע טייַכן
צו ברוסטיקע ימען.

פײַער און שניי

צווײַ פייגל אין אַ שטײַג,
אין מײַן הויז.
זי: ווײַס און בלוי.
ער: געל און גרין.
אין דרויסן: זון און שניי.

די „אומגליקלעכע צוויי"
אין אַ פּאַראַדנער
געדראַטעוועטער לאַנדשאַפט —
אומצושיידלעך.
אַ פאַרדעכטיקטער גן־עדן
מיט פּלאַסטישע רויזן
און מען אין די שיסעלעך קליינע
פון איצט
און תמיד —
אַ קושוואַך
מיט ליבשאַפט,
מיט אַ געזאַנג
פון ניט דאַנען,
ווי פון קרוינען־ביימער —
אַן ענטפער צום דרויסן
פון זון און שניי.

די גליקלעכע צוויי,
מיט דעם פאַרמעסט
פון געפּלטער קושעניש,
אין וואַרעמען ווינקל
פון מײַן הויז.

פיגורן

צוגעפּאַסטע קאָנטורן
די צוויי פיגורן.
יעדער קוש
אַ באַוועגלעכער שטערן.

די הענט זוכן קני,
די קני זוכט ליכט.
דער הימל — הוילע גוטסקייט
איבער זיי.

ס'ווערט די נאָענטקייט
אַ צוגעזאָגטער ציטער;
די ווײַטקייט —
אַנגסטיקער פלאַטער.

צעצאַפּלטע שעה
אין וואַרעמען געבאָט.
אָט די צוויי פיגורן —
צוגעפּאַסטע קאָנטורן.

צווישן רעגן און ליכט

— און דער רעגן איז ווידער געקומען.

אָפּגעוואָשן אַלע שטיינער,
פֿאַרברידערט פֿעלדזן און טײַכן
מיט פֿלייצנדיקע טראָפּנס —
אותיות פֿון הימל.

נאָענט איז מיר אַלץ געוואָרן:
די שילדן,
די קלייטן,
די שטאָט.
האַסטיק געשלונגען
די יונגע קנויטן,
די נאַסע,
ביז פֿרײַטיק איז געקומען.

צווישן רעגן און ליכט:
ווי זאָל איך
פֿונאַנדערשיידן זייער לשון?
אָט טראָג איך די וואָך
טומלדיק דערהויבן,
דעם שבת —
מיט כּישוף אין די אויגן.

און דער רעגן גייט און גייט
אַנטקעגן אויסגעשײַערטע גאַסן.
דער פֿאַרנאַכט טוט רינען
דורך הייליקע שויבן.
די מאַנצבילשע וואָך
איז פּלוצלונג פֿרומער געוואָרן.

אַ ניגון אין גומענעם קאַראַהאַד

כ׳טראָג די זון
אויף מײַן קאָפּ,
די שטראַלנשפּראַך —
אויף די ליפּן;
און פול מיט דאַנק
מײַנע הענט,
יעדער טראָט — מיט לויב.

מײַן מי אפילו
פון פרי ביז שפּעט
איז אַ מבול
פון זילבערנע רגעם
אין גומענעם
קאַראַהאַד.

מײַן חבר, דער טײַך.
מײַן שכן, דער בוים.
אַ פויגל, דאָס ליד.
דער ווינט —
מײַן מוזיקאַנט.
אין אַזאַ קאַפּעליעדיקן
ראַנגלטום,
גאָט,
בענטש מײַן גליק
ווי איך — דײַן רעגנבויגן.

געהויקערטער אומעט

שוואַרצע זאַקן

ווען דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען
איז אַלץ נידעריקער געוואָרן —
אָנצורירן
אי הימל, אי שטערן.
פון צעשפּאָלטענע,
אָפּגעקילטע שטראַלן
האָט אומעט צונויפגענומען
אומבאַוועגלעכע שטיקער
שווייַגן
אין טייַך זיך געוואָרפן.
בייַם ברעג פון זונפאַרגאַנג
האָב איך אַליין געזען
רויטע טרערן
אַרום די פלאַמען.
ביז די נאַכט איז צערונען
האָב איך,
אַ האַלב פאַרלאָשענער,
באַוויינט
פאַר גרויס און קליין,
טאָגס פאַרטונקלטן אַוועקגיין.

פון די שמאָלע גאַסן
זענען שאָטנס אָנגעלאָפן,
ווי יורשים
אין שוואַרצע זאָקן.

קרומער דאַך

צונויפגעזאַמלטע שאָטנס
צעווערטלען זיך אין אָוונט:
ווער האָט דיך באַשאַפן?
דער דעמב בײַם פענצטער,
די בלום אין שויב,
צי אפשר אַ ברעקל הימל
צוגעקיטעוועט
צום קרומען דאַך?

פרעגעניש און רעטעניש
צופוסנס און צוקאָפּנס.
פאַרטיפטע מחשבות
צווישן שטומע כמאַרעס.
איצט
ווערן אַלע קינדער-ווערטער
אויסגעמאָלענע הימלען
אין אַרכיוו —
פילמאָליק,
פיקטיוו.

דער קרומער דאַך
פון טאַטנס הויז
איז אַוועק
אין פײַער.

בלוילעכער וווּנדער.
אויפן וועג צו דיר
כמאַרען איצט
יונגע טריט
פאַר דײַן טיר.

די לוויה

וועמען
איז מען מקבר
אין אומענדלעכן אומעט
פון אָנהייב פרילינג ?
ס'רויכערט
ערב-פינצטערניש
צווישן יונגע בלומען.

אַ מידער טאָג
אויף דעם גרויען שטיין —
פון אייביק אָן
שווייַגנדיק,
אַליין.
דער זייגער
וויינט אַ געוויין
ביז זונפאַרגאַנג
אין בלויען פענצטער
פון פאַרגעסנקייט.

רגע-גרוים
די לאַנדשאַפט
פון נאַכטגראַניט —
די שטאָליקע גלידער
בייַם ראַנד טייַך
שוין אַלט-באַקאַנט
אין מייַנע לידער.

צווישן שאָטנס און שטויב

אויף בלעכענע דעכער
האָט דער רעגן געזונגען.
מיט הייליקע ווערטער
מחדשדיק —
האָבן מיטגעזונגען
באַצירטע סטראָפן —
פּאָעטן.

אינעווייניק בין איך געשטאַנען
צווישן בלוטיקע פלאַמען און מעטאַפאָרן.
כ׳האָב דעמאָלט
די שטערן געהערט ריידן
מיט כּישוף און פאַרבן.

אין יענער נאַכט
איז דער רעגן
געבליבן הענגען
אין די שויבן
און אויסגעלאָשן
די ליכט
מיט די שטערן צוזאַמען.

אותיות,
הויכע און נידעריקע,
האָבן זיך צעלויכטן אין דער פינצטער
מיט אַ הימען פון קאָלירן
אין טונקעלן מערמלשטיין,
דעם אָנגעזאַפּטן טרויער
אין דער פוסטקייט פון קעלער —
פאַרטריבן.

נעפּלדיקער שפּיגל

באַלד וועלן
אַלע חלומות דערוואַכטע,
ווי פאַרפּוצטע קרובים,
אַ בליצן-צאָל יאָרן מיר שענקען ;
און איך
וועל זיך אויסטאָן
פון מײַנע יונגע פאַפּירענע פליגל,
אַ שלײַדער טאָן
מיט מײַנע אָדערדיקע הענט
אין זייגערס פּנים
די טרוקענע ביינער :
די ווײַזערס דײַנע,
די אָנגעפּיקעוועטע
מיט רגעס און שעהען —
מײַנע אייביקע שׂונאים.

די רגעס וועלן קלענער ווערן
און וועלן ניט פּײַניקן די מאָגערע שעהען.
די נאַכט וועט אַרײַנפליִען
אין מײַן שויב
דורך אָוונטרויש,
דורך בולוואַרן —
מיט שוואַרצע ציין
און נאַקעטע פליגל.

דער זייגער,
אומדערבאַרעמדיק ווי אַ שלעגער,
וועט קלאַפּן אָימהדיק
איבער מײַן געלעגער
אַ ניגון אַ פאַרשפּעטיקטן.

פאַראָדערט

ווי נאָר כ׳ריר
דעם פרימאָרגן אָן,
ווערט דער טאָג
שעה נאָך שעה פאַרקרובט
מיט מײַנע פינגער.

עס שטראָמט
ציטערדיקער
וואַקסן זייערער
איידער
נאַכט
ווערט אוים חלום.

אין דעם געוועב
פון שאַ־שטיל־אָנהייב
ווערן
די קלענסטע רגעם
אין סאַמע
ייִדישסטן מיטוואָך מײַנעם
מיט אותיות פאַראָדערט.

פֿאָרצעלײַענע לאַנדשאַפֿט

פֿון גאָט פֿאַרפּאַסט —
די אָנגעפּעלצטע
װײַסקײט
מיט הױקערס שנײ
און הײכן־גלאַנץ,
מיט שנירלעך פּערל
און קרישטאָליקע
קרױנען,
מיט אײַנגעלאַטעטע טריט
פֿון װינט פֿאַרפֿירט.

די פֿאַרגליװערטע
פּעלדזיקע
שטאָט
איז מיט װוּנדער פֿאַרצװײגן.
אַ פֿאַרצעלײַענע לאַנדשאַפֿט
בּישופֿט
און קערט זיך אום —
צוריק
צום זילבערנעם װאַלד.

אין געלעסטערטן דרויסן

פון דעם מלא־אָימהדיקן
טיפן שנייי
קנעט איך אוים
מענטשן.

אויף שוואַרצע געלעגערס,
מיט ווײַסע קליידער,
אַזוי ווי זיי זענען געווען:
אייגענע —
און פאַרגעסענע,
דערהרגעטע,
מיט נעפּל־אויגן
פון מײַן דור.

מענטשן אין גאַרטלען,
מיט בלוט אויף די ליפּן,
מיט זילבערנע האָר
אויף דעם מזבח
פון גרוי־ווערן.
לעבעדיקע מתים
פון גאָרנישט צו זאָגן,
פאַרשטומטע
אין געלעסטערטן דרויסן.

ווער האָט זיי באַשטראָפט
אויפשטיין תחית־המתים
און אָנצינדן די זילבערנע מנורות
אויף פאַרפרוירענע ביימער
אַנטקעגן מײַנע פענצטער?

אויפן וועג צוריק

מוראדיק
די ווײַסע שטילקייט
פון נאַקעטן שניי.
ווי מתים וואָלטן זיך געבאָדן דאָ
אויפן וועג צוריק.

אויף פליגל ווײַסע
קומען זיי
און בלײַבן ליגן
בײַ מײַנע קני
אין דער טיף
פון אײַנגעזונקענער
ליידיקייט.

אויס טאַטע און אויס מאַמע

פלוצלונג —
אַ שליטל אין דער מיט פון מײַן גאַס —
און איך בין
אַנדערש געוואָרן.

יענע ציגעלע
די ווײַסע,
אַרײַנגעפּלאַסטערט
צווישן פליגל און פעדערן
פון מײַן יינגלדיקער גאַס,
איז אײַנגעשפּאַנט
צו די טיפע
ווײַסע פעלדער
פון גלעקלעך און קלאַנגען
און אַנגעצונדענע שויבן
פון אוים טאַטע און אוים מאַמע.

שוואַרצע רעטעניש

די אַנטשוויגענע סטעזשקע
פירט
צו אַן אויסגעלאָשן הויז.
דאָס הויז,
ווי נאַכט,
איז אַ שוואַרצע רעטעניש
מיט אויסגעזעצטע שויבן.

הימל און דרויסן —
אָנגעטאָן
מיט שטיקער
פינצטערניש.
פאַרבליבענער נס
דער ווינט
אין דער געדיכטער
אויסגעלאָשנקייט —
מײַן טאַטע־מאַמעס שטעטל.

לאָמיר לויפן
ביז בלויען פאַרטאָג
צו ראַטעווען בענקשאַפט
פון יונגן הימל —
די פאַרעלטערטע רגעס
פון שטילקייט.

שווינגנדיקער אמת

נאַכט דו,
ביסט שווינגנדיקער אמת
פֿון מײַנע ביינער
אין אַ ווערטערבוך
פֿון שטערן;
אַ געראַטעניש
פֿון חלומות
מיט סאַמעטענער צאַרטקייט.

ביסט
יונגער ריח און טעם
אין אָפּגעדעקטן שפּיגלטײַך
פֿון צעפֿליגלטן זומער,
ווו שטערן און פֿייגל
פֿליִען צום זיבעטן הימל
מיט מעשׂיות
פֿריש געוואַשענע
אין קינדערשע טרערן.

גאָלדענע הערנער

אָנהייב־באַגינען.
די נאַכט איז ענדלעך
פון אונטער דעם געלעגער אַנטלאָפן.

בלייכע שטערן קלאַפּן
אין די שויבן —
כ׳זאָל דעם שליסל
צום נײַעם מאָרגן געפינען.

דעם איידעלן דרעמל
אין טראָפּנס וואַסער צעצוואָגן,
פון חלום,
פון שוואַרצן,
באַפרײַען.

באַהיט,
באַשירעם,
דער טאָג זאָל כאָטש
אַ פאַרוויינטער
ניט קומען.

די זון
איז מיט ווארעמע פויסטן
און יונג־שטיפערײַען
באַהערשט.

די זאָרג און די מי
איז געקומען
מיט ציטער און טומל
אויף גאָלדענע הערנער.

פינגער־סימנים

די אַלטע ספר־תורה
ליגט איַינגעשטילט
אין אומענדלעכן שוויַיגן
מיט אומעטיקע
פינגער־סימנים
טיף
אין זיך אַריַינגעזויגן.
און איך,
איבערגעבויגן,
ווי ס׳וואָלטן נאָך
מיַינע ליפּן געשעפּטשעט
אין דער שטיל
מיט פאַרהערטקייט.

קאַלטע, בלויע אייביקייטן
הינטער מיר.
זיי שלעפּן מיך
אין נעפּלדיקער וויַיט,
דעם אַלטן סוד זייערן
פון אינעווייניק
מיר פאַרטרויען.

ס׳דאַכט זיך מיר —
עס ווינקען נאָך די שורות
אַרויס
פון יענע טונקעלע פאַרנאַכטן,
מיַין כּישוף־וועלט
וואָס נאָר דער נעכטן
האָט דענצמאָל
מיר פאַרטרויט.

אין אָפּענעם בליק פון דרויסן

נאָכן ווילדן דונער
איז דער אינמיטנטאָג
וואַלקנדיקער געוואָרן.

דער רעגן
איז געקומען
צווישן איַינגעדרימלטע גראָזן
מיט אַ פעטער פינצטערניש
און מיט אַ צעווייקטער טונקלקייט —
אין אָפּענעם בליק
פון דרויסן.

אין דער כמורנער
אומבאַוואָרנטקייט
איז דער אומעט
נאָכגעגאַנגען דעם רעגן
אין אַ געבונדענער ענגשאַפט
פון אויסגעלאָשענע שטערן.

פון אינמיטנטאָג
איז גאָרניט געבליבן.
אַחוץ די חושכדיקע הויטיקייט
ביַי די שטיינערנע ברעגן.

גאָלדענער שטויב

אַ געזאַנג אַזאַ,
וואָס שטאַרבט אָפּ
יעדן טאָג
און ווערט מיט נײַע רגעס
די אייביקייט
אינעם ענטפּער
פון באַשאַפער.

און די וואָלקנס —
ווייכע אָרעמס,
און די שטערן —
גאָלדענער שטויב.
הללויה —
אַ געזאַנג אַזאַ
דורך פראָסט
און צעבראָכענעם שווײַגן.

ערב יעדן טאָג
איז נאַכט
די מרה שחורה
פון יענעוועלטיקע שאָטנס.

אַזוי צערינט
די צײַט
פון אַלצדינג
אַרום דײַן שטערן,
ווּעמענס אמתדיק לעבן
איז זכּרון.

אין כמורנעם ווּנדער

דאָס ליד

אַלץ איז אין ליד:
די שוואַרצע קראָ,
די ווײַסע טויב,
זון און שטערן,
בלעטערשפּראָך.
און אויב דער וואָלקן טרערט
לויט אַלע האַרבסטן,
טרערט דאָס ליד —
אַ מיטבאַגלייטער.

אַלץ איז אין ליד:
אומעטיקע פּאַלמעס,
שטילע סטרונעס.
אַ רײַכע עלנטקייט,
וואָס וויל ניט אײַנשלאָפן,
דאָס יִדיש־ליד.
דער אות אײַנגעוואָרצלט אין געזאַנג
וויקלט פונאַנדער
דודס אויסגעטרוימטע האַרפע —
אַלץ, וואָס איז שטום און
תהילימדיק־שטיל,
ווערט קלאַנג און פּישוף
ביז צו די ווייכע הימלען.

איבערגעבליבענע שורות

סאַראַ גליק פֿאַר אַ ייִדיש ליד:
ניט פֿאַרטונקלט ווערן
בײַם מערבֿ־ראַנד,
ווען די זון ברייט ניט מער.

בײַ דער טיפֿעניש פֿון סוף,
צווישן הויכע ביימער,
טרעפֿט אַ מאָל
דאָס קול, ווי פֿון אַ קלעם,
קוים צו הערן
איבער בלויע ווענט פֿון שטאָל.

די וואָג פֿון פֿליגל,
מײַן וויגל —
צו פֿאַרוויגן זיך אין דער אייביקייט
ביז צום האַרץ פֿון הימל,
וואָס איז בלויער ווי דער ים
און טיפֿער ווי צעשפּיגלטע שיינקייט.

נעם צונויף די אומפֿאַרשריבענע
איבערגעבליבענע שורות
צו דער גרויסער סעודה
(פֿאַר אונדזער כּבֿוד וועגן);
צינד זיי אָן עד סוף־כּל־הדורות
(להכעים די שטאַפּעטן פֿון שרעק)
אות נאָך אות, אײַנגעטונקענע אין ווײַן.
מען דערציילט:
פֿאַרכּוסעטע יונגע מלאכים
זינגען יעדן אינדערפֿרי בקדשו
די שירים פֿון עלנטע, ייִדישע פּאָעטן.

MOTHER'S DAY

כ׳האָב הײַנט צוריקגעקויפט
פֿאַרלאָרענעם שמייכל
פֿון אַ גאַנץ יאָר.
אַ זכר ביז ווייטיק —
יינגלישן פֿיבער,
מײַן פּלי צו דיר.
כ׳ברענג דיר הײַנט
אין מײַן קנאַפּיקייט
אַ בוקעט פֿיאָלעטן —
זאָל דער טויט שטוינען:
איך בין נאָך אַלץ פֿאַרליבט אין דיר.

כ׳וועל דיך אויפֿוועקן
פֿון טיפֿן בערגל
און לאַכן און וויינען צוזאַמען;
אַוועקפֿליִען
צו די ספֿערן פֿון זכּרון
און ווערן ווידער קינד
אויף דײַנע קני.

דער הימל הײַנט איבער מיר —
אַ שפּיגעלע
פֿון יענע יונגע יאָרן.

אין שוואַרצן צאַפּל

די ליכטיקע פֿולקייט פֿון טאָג
שפּרינגט אין שוואַרצן טײַך
פֿון נאַכטיקייט,
ווי אָנצויאָגן די אָנטבלויזטע לבנה,
וואָס שמעקט מיט ווײַבערשע סודות
און מיט גאָלדענע סימנים
פֿון אַ כּישוף־וועלט.

עס דוכט זיך מיר, ווי פֿון אַ ברונעם
איז די נאַכט אַרויפֿגעקומען
מיט מיידלשער שטילקייט,
וואָס טראָגט אין איר לײַב
פֿלאַטער און געטראַנק
פֿון גוזמאדיקע שטערן,
און ליבערייד —
פּאַרפּירעריש.

און אין שוואַרצן צאַפּל —
שלעפֿעריקייט,
אויסגעגבעט אין אַלע שויבן,
יערט
מיט ווייכער וואַרעמקייט
און אומגלייביקע פֿאַרבן
מוראדיק,
באַוווּנדערט,
און פֿרײַ.
די ליכטיקייט פֿאַרראַט זיך
אין דער פֿינצטערניש
פֿון נאַכטפֿולן גוף.

סוף 1979

א

זיי שאַרן זיך אַרײַן,
די יאָרן,
סך־הכּלדיק אין הויט אַרײַן.
דער ווײַן איז גרייט.
גרייט זענען די קנייטשן —
אַ יובל לאַנג
מיט צאַליקע שעהען
אין לויער,
מיט פאַרמעסט.

די נאַכט האָט זיך אויסגעטאָן
פון איר פינצטערניש.
אַרײַנגעטאַנצט אין זילבערנער לאַנדשאַפט
מיט שנייבלומען.
דער חלום איז ווידער געקומען
אין וואַסערפאַל
פון טרערן און טענער,
זיך צעקושט
פֿײַערדיק־ווילד מיט שיכּורע שטערן.

דער נײַיאָריקל, אַ זייגערל גרוים,
אין יעדן שוים
מיט דעם איידעלן ריח
פון ליכטיקן ווײַן,
מיט נײַע לידער,
מיט כּולו־רחמים־געוויין
דורך פלעשער געטראַנק.

און אַלץ און אַלץ און אַלץ
ווערט שפּעט
צווישן שלאָף און שלאָף.
אַלץ הייבט אָן שטאַרבן
אין אומעטיקע שפּיגלען.
דער יונגער ניגון עלטערט זיך
מיט שוואַרצע ווערטער
פון פּאַריאַריקן שניי.

ב
געזעגן־נאַכט.
דער ווײַן רויטלט זיך
אויף אַלעמענס ליפּן
מיט טויזנט פאַרלאַנגען.
די נאַכט איז האַלב נאַקעט
מיט וואָלקנדיקע שלאַנגען.
אין דרויסן —
דער שניי ווי אַ חתונה־טוך.
און אין היים־באַרוישטן זאַל
זידן
קאַפּעליעס, קולות, טרומייטערס
פון מײַן בלינדן דור.

פּאַטער צײַט,
פאַרעלטערט און הכנעהדיק,
טאַנצט
אויף פאַרמעט לײַב
פון ציפערבלאַט —
אַן אויסגעדינטער.
ווי נאָך אַ לאַנגער שלאַכט
חצות־הלילה

קראַכט
מיט אַ יונגן קול
פון דער באַוויליקטער שעה
אַנטקעגן נײַעם פרימאָרגן.

און איך,
באַלוינט פאַר מײַן תהילימדיקן טראַכטן,
האָב דאָס ייִנגל
פון פרישן געבורט
אַהיימגעבראַכט
און קאַלענדאַריש
זײַן נאָמען פאַרשריבן :
.1980

ג

בײַ די גוססדיקע ברעגן פונעם חצות
ליגט דער אויסגעפּאַקטער שניי
מיט אַ שטילן אומעט
און מיט אַ ווײַסקייט
פון ביכער.

גליטשיקע געפּאַרן
אין יעדן שפּרײַז —
די צעבראָכענע שפּראַך
פון בלינדן אײַז.

די אָפּגעזוכטע קרוינען,
אָנגעפּיקעוועט מיט קאַלטן גלאַנץ
אין פאַרפרוירענער ענגשאַפט.

פלוצלונג —
שטערן זענען זיך צעפלויגן.

דער דינער באַגין
האָט אָנגעהויבן צו מאָגנען.
און די נאַכט פון טויזנט ליפּן
האָט דעם הונגעריקן פרימאָרגן
מיט בענקשאַפט אָנגעזויגן.

ד
וואַלגערדיקע אוצרות —
צעהאַקטע דימענטן
אין אַזאַ מין דרויסן.
אין טיפן שניי —
אַ בענקען
פון געדענקען
מיט ווינטן
אײַנגעשנירלט.
מיר, צוויי,
אין באַפרײַטן געלעכטער
בײַם עסטישל.

כּדאַי צו לויבן
דעם אויסשיט דעם ווײַסן
אין דרויסן,
און דײַן האָבערגרייץ —
גרייט, וואַרעם, געדיכט,
נאָענט באַרירט
בײַ דײַנע ליכטיקע פינגער.

אויגן יונגע,
ליפּן פרישע,
פייגל אין הימלען —
די בענקשאַפט צו פאַרזאָרגן.

ווידערגעבורט

ווען דער שניי פּאַלט
טוליען זיך אַלע שטאָטישע קלאַנגען
צו אַ שטילשווײַגן פֿון פֿאַרגיין.
פֿאַרפֿרוירענע פֿאַרבענקשאַפֿט
פֿוסטעוועט אין ווינטער־גאָרטן.
צווישן גאָרניט צניעותדיקע צווײַגן
די נאַקעטע לאַנדשאַפֿט ליגט אָפּגעדעקט.

אין ווינטערס צעקנייטשטער הויט
ליכטיקן רמזים פֿון צײַטווײַליקע פֿאַרבן —
וועמענס ווי איז הײַנט
אומגעהײַער בלאַס,
פֿאַרבאָרגן פֿון די בייזע ווינטן.

ווען דער שניי פּאַלט
און וויל ניט, חלילה, צעטראָטן ווערן,
ווערט אַלץ קלאָר און געטרײַ.
די ווײַטקייט אַפֿילו פֿון אויסגעלאָשענעם זומער,
אַרײַנגעפּרעסט אין די גרונטן,
פֿאַרסודעט אין די אַלעען צו אַ יונגשאַפֿט
פֿון ווידער געבערן
געראָטענע שטערן און לאַשטשנדיקע זונען
בײַם ברעג ים.

און אַלע צעוויטיקטע כוואַליעס
מיט שוימיקע וווּנדן
וועלן זיך רוישן צו די געקאַרבטע בערגלעך
נאָך ביסלעך רפֿואהס,
לויט זײַן רצון,
אויף שפּאָגל־פֿרישע זאַמדן.

ווינט איז ווילד

דער ווינט טאַנצט אַקעגן מיט שנייִיקע פּעכערס.
שניי איז נאַקעט און ווינט איז ווילד.
שניי בליצט און היצט
בלוט,
מײַן בלוט.
דאָ, דאָרט, קער נאָך קער.
דער לעצטער שטערן
וויגלט זיך מיד.

פאַרנאָפּלט צום ווינטער,
דער פאַרנאַכט טוט זיך אָן
אין אַ גוט-באַקאַנטן טרויער.
די בלייכקייט פּאַסט זיך צו דער שעה.
ס'פאַלט פײַכטע שטילקייט אין אויג.

דער ווינט האָט דעם טאָג צענומען.
אויפגעוועקט אי פייער,
אי סכנה.
אין אַלייניקער כּוונה —
ווּ האַלט איצט דער זייגער?

אָ, דער חלום איז אומפאַרגעסלעך.

אויף מײַנע יונגע פּיס
מעסערס צוויי
שנײַדן כוואַליעס לופט,
קריצן אויפן פאַרפרוירענעם בויך פון טײַך
מינועט
פון אַ מאָל,
אַ מאָל.

אין נאַכטיקער שטײַג

ווען דער פֿאַרנאַכט לאָזט די האָר אַרונטער
און געוועלטיקט
אין נאַכטיקער שטײַג
קומט די יונגע לבנה אין דער צעשויבערטער שעה
מיט קופּערנע שפּורן פֿון שטערנלאַנד.

אַלץ ווערט פֿאַרוואַנדלט אין לײַביקייט און האָר
און אין שווערע שאָטנס.
דער שלאָף פֿאַרגוואַלדיקט
אי וואָרט, אי וואָר,
און חלום פֿאַרשלינגט אַ בינשטאָק שטערן.

אַן עדות איז מײַן האַרצקלאַפּ
און נאַכטיקער פּלעמל —
דײַנע ליפּן.
בײַם באַריר אַליין
דערקען איך אין נאַכטיקן געוויין
אַלע זינדיקע ווונדן
פֿון מײַן צעבלוטיקטער ריפּ.

באַגינען
קומט די זון ווידער
אין די פּלייציקע שויבן
און שענקט מיר דאָס ליכט
פֿון טוי־פֿאַרטרערטע בלומען.

אין די צעשפּיגלטע טראָפּנס

דער הימל זיפּט אַ רעגן.
מײַן גאָט, כ׳וויל קלאָרער ווערן
אין די צעשפּיגלטע טראָפּנס אויף מײַן שטערן.
אַלץ שפּראָצט אין עפּר־ואפר־זאָנע.
די שטילקייט, די נאַסע,
בלאָזט פּלוצלונג מיט ווינטן
און שמײַסט אַראָפּ פון די ביימער
די דונערקנאַלן.
די ערד, אַ צענעצטע,
לאָזט זיך נישט באַרויבן
פון אירע גרינע פּיל־קאָלירטע וווּנדערס.

ערב־זומער קומט אַרײַן דורך מײַן אָפענער טיר.
די וואָלקנס ווערן אויסגעליידיקט
פון זייער אומעט.
דער יונגער רעגן
וואַשט אָפּ דעם נאָר וואָס אויפגעגראָבענעם
צווייפל און פּלאָנטער
פון צוגעדעקטער טיפקייט.
די שטיפערישקייט צווישן גראָזן
פאַרנאַרט מיך ווידער
צו שפּיגלען זיך אין טײַכן.
מײַן גאָט, ס׳שפּראָצן אַרוים פון דײַן ערד
די וואָכעדיקסטע קרײַטעכצער —
יום־טובדיק פריש און יוגנטלעך.

פאַר וואָס שפּראָצט ניט
אין אָפּגעביימלטן טאָל
מײַן קינדערשער אַמאָל —
פאַר וואָס?

דער ריח פֿון ערבֿ זומער

אַ ריח פֿון ערבֿ זומער
איז געקומען אומגעריכטערהייט
אויף מײַן טיש
בשעת איך האָב דעם ברוינעם ברויט צעשניטן
פֿאַר מײַן הויזגעזינד.
אין מיטן ברויט דערקענט
די אַלע ערדישע אָדערן
פֿון געטלעכן באַשאַף.
אין דעם הויז פֿון מײַן געבעט
די צײַטיקע ברכה
איז געקומען אַנטקעגן.

כ׳בין ווידער רײַך געוואָרן
אין צעבליטן אינדערפֿרי,
וואָס איז אויף מײַן שוועל געקומען
צעשויבערט, מיט גרינע האָר,
איז ברודעריש געוואָרן
מיט מײַן מי,
געשענקט מיר אַ לאַבן פֿרייד
צעזוניקט
צווישן די ציינער.

דער ריח פֿון ערבֿ זומער
האָט ווידער געבראַכט דעם פּאַרוויינטן וואַסער
צום שטאָטישן ברעג.
און קיינער,
נאָר דער פֿרישער זאַמד
קען אויסטריקענען די רווישיקע טרערן
פֿון יונגן, צאַפּלדיקן טײַך.

קדמוניש־נײַ

דער זומער איז תּמיד פֿרײַ,
יעדע צוריקגעקומענע כוואַליע
צינדט אָן די ברעגן
מיט־אַל־דאָס־גוטס־וווּנדערס
פֿון ווײַטע הימלען
און טאַנצט אַנטקעגן מיט היימישער שושקעניש —
קדמוניש־נײַ.

אַ פֿרישע בלויקייט באַלויכט דעם נײַעם הימל.
דער יונגער ווינט, אַ באַגלייטער,
קלעטערט אַראָפּ פֿון הויכע בערג
פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ פֿידל
מיט גרינע קלאַנגען
אויף ביימער, וועלדער און פֿעלדער.
די טויזנט־אויגיקע לאַנדשאַפֿט
יווירט מיט בלומען.

דער בלויער שטראָם פֿון ים אַרום
לאָזט זיך ניט פֿאַרזאַמען.
די ערד מיט זוניקע שטראַלן
צערטלט אַפֿילו די קברים.
און איך
פֿאַרשרײַב איצט לדור־דורות
די נײַע גרינע ניגונים.

דער סוד פון שלאָף

אויף שפּיץ צווייַגן
טונקלט די נאַכט,
ווי די אַלטיטשקע פון קעגן איבער
אין די אויסגעלאָשענע שויבן.
דער רויטער ווייַן בייַם ברעג טייַך,
מיט אַראָפּגעפאַלענע אימאַזשן
פון אַ דערטרונקענער זון,
ווערט אין דער פינצטערניש צערונען.

די אַנדערשקייט
צווישן טאָג און נאַכט
ווערט ניט מיד צו פאַרוויגן
דעם בלחשדיקן אַרום
מיט שטערן־היימישע־קאַפּריזן.
ווי זיי וואָלטן
אין די מיליאָנען אויגן
אָנגעצונדן אַ שבת אין דער וואָכן.

ס'דאַכט
דעם פאַרלאָפענעם טייַך
וואָס פּלאַפּלט אין דרימל:
אַז יעדער שטערן
איז אַ פּיצעלע פידל,
און דער סוד פון שלאָף
ליגט אינעווייניק —
אַ בלויער ניגון.

אין די בויכווינקלען פון האַרבסט

די גאַס, אַ לאַנג אויג,
פאָלגט מיך נאָך דורך אַלע שויבן
ביז צום אַלטן ראָג.
אַזוי יעדן טאָג.
אַזוי יעדע נאַכט.
ביז ס'נעמען מיטפאָרן אין ליכט און נעפל
יונגער-טומל-יאָרן,
רייץ פון ביכער-טאָוולען
און אַלע אויסגעשולטע פעלערן.

איצט איז עס אין דרויסן ניט אַלץ צו דערקענען.
ווי עס פּאַסט צום רומל —
אַלע רעגן-טראָפּנס הענגען שטומע,
אומגעראַטעוועטע אויף דאַרע צווײַגן.
די לידער שווײַגן אין צוגעמאַכטע שטיבער.
פון די גריבער
דער נאָכוווקס אין די בויכווינקלען
פון אוראַלטן האַרבסט
שרײַט צו מיר
פאַרגרויטע עכאָס.
אַזוי יעדן טאָג.
אַזוי יעדע נאַכט.

אַנדענק

נאָך אהרן גלאַנץ־לעיעלעס —
דעם גרויסן ייִדישן מײַסטער
און דיכטער.

א

אַלץ איז פֿאַראָבלט און פֿאַרעלטערט
אין אונדזער שווער־געפּרוּווטער גאַס.
די נאַכט דורך טיר און פֿענצטער —
אַ געוועב פֿון בענקשאַפֿט
מיט צעשאָטענע שטערן־טענות.
דער דרויסן אין פֿינצטערניש
נידערט געדיכטער.
די טעג — קירצער.
די נעכט — אַ סך שמעלער.

צו דיר די שורות
פֿון מײַנע לידער,
צום קופּערנעם באַרגשפּײַן
פֿון יענע יונגע יאָרן.
אויפֿגעפֿראַלטע בליציקייט —
דײַן וווּנדערשאַפֿט
אין יעדן שיר.
נײַ, פֿאַלירט,
געצאַפּלטער,
געצוקטער,
דיכטערישער גערודער.
פֿאַביוס לינד איז פֿאַרבליבן מײַן ברודער.

ב

מײַנע פריש-געבוירענע שורות.
צי זאָל איך זיי פאַרנאַרן
אין קעניגרײַך פון ליד?
צי זאָל איך ווי אַ פרומער ייִד
צעעפענען די הענט מײַנע
און בענטשן זיי זיבן מאָל
איצט,
ווען איך בין געוואַלטיק
פאַרקנסט צו אייגענער געפאַר?

צי זאָל איך אַלע צווייפלען
און די מיסטישע סימבאָלן
דערטרינקען אין טיפן רויטן ווײַן,
מיר זאָלן ניט צוזאַמענוויינען
אויס ניכטערניש,
יאָ, צוזאַמען?

אין איטלעכן מויל די סכּנה —
אַ פאַרקילטע באַגריסונג.
מײַנע פריש-געבוירענע ייִדישע שורות —
אַכטער פענאָמען,
צווישן בליץ און רעגן.

ג

דער טאָג איז געקומען מיט מער ווי איין טרער,
זיך אײַנגעשלאָסן אין די שויבן
מיט אַ רעגן,
וואָס האָט געשפּריצט
בלוילעכע,
אויסגעלאָשענע פונקען
פון אַלע ברעגן.

איידער איך האָב אָנגעצונדן דעם ערשטן שטערן
קעגן פינצטערניש,
זיך אַליין צו געפינען,
איז געקומען די נאַכט
און דערוואָרגן דעם טאָג
צווישן ליכט און חושך.

ערשט איצט,
אין ענגער, פאַרקניפּטער נאַכטיקייט,
האָב איך באַמערקט און דערקענט
וואָס איז געשטאַלטיק געהאַנגען
אויף די שויבן,
קלאָר ביז גאָר,
אין כמורנעם וווּנדער —
יעדן יאָר.

ד
די נאַכט אַ לעגענדע
אַריבער די שפּיצן פון הויכע מויערן.
אויסטערלישע שטערן
אין אויסגעפּוצטן פייַער־וואָגן
מיט אייגנשאַפט פון יאָרן,
אויסגעקנאָטן
אין ווּנדערלעכע סימבאָלן,
מיט אַ רעטעניש
פון שטערנפולע כתב־ידן.

מייַן שטאָט מיט גלעזערנע אויגן
פאַרקניפּט
גאָלדהויטיקע שטערן
אין פאַרזיגלטער שטילקייט —
אַ מאַיאָנטעק פון פאַרכישופטע חלומות.

די לבנה צווישן דיביימער
הענגט געפאַנגען
און פאַרפּלאָנטערט,
ווי אונדזערע לידער,
צווישן שאָטן און שפּיגל.

ח
צווישן די קופּערנע פאַרנאַכטן
פליִען דײַנע לידער אַראָפּ
מיט יענעוועלטיקע פליגל,
פאַרטרויען אַ קלוגן סוד
צו די פאַרבענקטע, שאַרפע קנייטשן
פון ברייטוועלטיקן דיאַלאָג.

און איבער מיר דײַן שטערן פליט
מיט אָנגעצונדענע פליגל.
דײַן הימלישע קאָמע,
ווי תמיד איבער מײַן דאַך.

דער הימל רעגנט
מיט פײַערדיקע אותיות.
די קאָמע,
איז פון אַ פּסוק גאָר —
פון געמײַסטערטע פערזן.

און דאָס פּמליא־פײַער
שפּריצט
דײַנע גלײַיקע פונקען
אַריבער די פאַרגרויטע ברעגן.

די ליידיקייט פון שטאַרבן

אַרומגערינגלט
מיט תשרי־קאַלירן —
נעכטיקער גרינער ווונדער
שטאַרבט אָפּ
באַזונדער,
אומדערקענט.

אויסגעלאָשענע בילדער־ביימער
שטייען פאַרשעמטע
אין דעם אויסגעמיש
פון רויך און פאַרבן,
מיט רעגן־סימנים
און אײַנגעזאַמלטן טרויער,
אין דער ליידיקייט
פון שטאַרבן.

און גאָרנישט איז געבליבן
פון גאָלדענעם לײַכטזיין,
בלויז די בלאַנקשאַפט
פון פאַריתומטן פלויט,
וואָס שרעקט מיך
ווי אַ דענקמאָל —
די פאַרשטיינערטקייט פון זײַן נאָמען.

האַרבסטיקע געפאַר

הינטער דעם האַלבן-שמייכל
פון אלול-לבנה
שײַנט געפאַר.

אַראָפּגעטרייסלטע
האָגל-שטערן
אויף די אויס-זומער-ברעמען
בײַם סוף דעם אומגעטרײַען.

ווייצענעם מת
פון אָפּגעשערטן פעלד
פאַרשלעפּט אין שײַער
פון רעגן-נאָדלען.

אַלץ, וואָס האָט געבליט,
ביז אַלץ
איז
געוואָרן —
די גאָלדענע מינוט
פון הימלישן ביסן —
שטאַרבט איצט
אין קופּערנעם פײַער.
דער ריח פון רויך
איז אומעטיק גרוי.

צעטראָטענער ווונדער

אומעטיקע רעגן־טראָפּנס
פון אָנגעזאָפּטע וואָלקנס
אויף פֿאַרטרערטע שויבן —
און אויף שפּיץ־צונג פון פֿאַרנאַכט.
אַלע פֿײַכטע ווערטער
שווימען
נישט דערדערטע
אין צעוויינטן שטויב
פון צעטראָטענע
ווונדערס.

און טרערן
ווערן מלאכים
אויף צעבליפּעטע לייטערס
אין אָנבליק
פון הימל.

אין דעם נאַקעטן קלעם
פון פֿאַרקנעפּלטן ציטער —
אַ לײַוונטענע שטילקייט
דורך די האַלב־בלינדע שפּאַרעס,
אַלץ הייבט אָן שטאַרבן.
אַלץ איז אָפּגעפּליקט, אויפגעגראָבן,
אויסגעלאָשן און אומפֿאַרהיילט,
מיט פֿראָסט געשוואָלן
און מיט טויטע ווײַסע פֿייגל.

אויסגעצוואָגענע געטער

קלינגען
רעגן־טראָפּנס
אויף טעלעגראַפן־דראָטן
הילכיק און ווײַט.
אין דעם געזאַלבטן דרויסן
הענגען סודות
מיט פּיצלעך רגעס
און שאָטנס.

די לבֿנה,
מיט שטערנדלעך אַ סך,
אַ פּאַפּוגײַ:
אַז אַלצדינג איז די נאַכט.
גן־עדן און גיהנום.
חדר־יאָרן און תּנך.

די בלייכע שטערן
ווי אויסגעצוואָגענע געטער
הייבן אָן צו נידערן
אין דעם באַוווּנדערטן פֿרימאָרגן
און קריכן אים נאָך
אויף אָפּגעוואַשענע טראָטואַרן.

מײַן גאָט,
לויט דײַן גאָב —
ווען הייבן זיך אָן
די געטלעכע טריט
פֿון מײַן טאָג?

קאַלענדאַרישער זכּרון

קאַלענדאַרישער זכרון

די נאַכט איז געקומען
אין די שויבן
מיט צעאַקערטע ווונדן,
מיט אָנגעצונדענע אויגן,
מיט אַ קריגל בלוט
פון זומערס פידלדיקן האַלדז ;
געמיינט צו ראַטעווען
בלאַסן פנים פון פאַרקלעמטן האַרבסט,
פון די מאָגערע פאַרבן,
וואָס זענען געקומען שטאַרבן
אין די ציגלנע גאַסן.

יענעם טאָג און חודש
איז דער שניי געקומען
פון פאַרקילטע פלאַנעטן
צו די גרויע ברעגן
פון מײַנע האָר.

ווײַנענדיקער שפּיגל

פֿאַרמאַך ניט דײַן טיר.
כ׳פֿיר
אַ פֿוד בענקשאַפֿט
צו דיר
און אַ פֿלעשל קלאָרן ווײַן.
אַלט בין איך איצט
טויזנט נײַנצן זיבעציק נײַן.
נישט שטראָף מיך,
וואָס איך בין אַן גאַלד
און גאַלאָפּיר.

כ׳פֿיר אויך מיט זיך
אַ זמרל
פֿון יענע יאָרן.
און טרערן גרויסע ווי שטערן —
פֿאַר דײַנעטוועגן.

און דווקא דעמאָלט,
ווען דער יונגער הימל
האָט געוואָרפֿן גאָלד אין די שויבן,
איז דער אומעט געלעגן
אין טאָג אײַנגעבויגן.
דער נאַכטיקער שפּיגל
האָט אים באַווײנט
אַן אויגן.

איצט,
נאָך אַלע יאָרן,
דו,
פאַרמאַך ניט דײַן טיר.
כ׳ברענג דיר
די מאָס פון אַלע מײַנע באַגערן,
ווי אויך געלײַטערט גאָלד
פון שטויב און פון שטערן.

דאַרע צוויַיגן־הענט

די בלעטער לויפן
אין סמבטיון
פון בראָנדזענעם שטויב.
כ'באַגלייט זיי מיט שרעק.
פייגל ברענגען
שלעכטע בשׂורות
און פּליִען אַוועק
אַריבער ימען.

ביימער שטייען
אויסגעצערט און אויסגעטאָן
פון זומער־מלבושים.
דער ווינט, ווי אַ שווערד,
האַקט אַראָפּ
דעם לעצטן שטראַל
פון קאַלענדאַר.
כ'בלײַב זייער קרוב —
דער מענטשלעכער באַוויינער.

יצירה

די נאַכט —
אַ פולער גאָרטן
מיט שוואַרצע פלוימען
אין דײַנע אויגן.
די שטילקייט
קאָרמעט מיך מיט לידער.

די ראַדיאָ
הינטער מיר,
ווי תּמיד,
טראָגט דעם וויי:
„קיין לאַסט איז מיר
נישט אַזוי שווער,
ווי די בענקשאַפט
נאָך דיר".
אין בוזעם־קעשענע
אַ פאַרשפּעטיקטער בריוו
רעדט צו מײַן האַרץ:
קום שנעל.
דער רויך פון אַ נאַכטבאַן
מאָלט אַ וואָלקן
איבער מײַן שוועל.

צי זאָל איך,
אין חלום,
ווי נח, דער ערשטער מאַרינער,
שיפלען זיך צו דיר?

אַ ים בענקשאַפט
שווימט אין מיר.

קאַרניוואַלישער ווונדער

גרינע, זומערדיקע בלעטעלעך טאַנצן באַזונדער,
ווי יונגע געטער אויףביימער.
דער רעגן,
קונצמייַסטער מיט נאָך-מער-פרייד,
פאַרוואַנדלט דעם זאַמד אין שטראַליקן ברויט
פאַר פויגל און קינד.

און אַלץ איז נס.
פון שפּיץ-ביימער ביז צום ברעג פון ים —
יונגער באַלעט
מיט געשולטע הימלישע פּרטים ;
מיט טעג געגראַמטע,
אויסגעפּלאַנטע,
אויסטערלישע,
אומפאַרגרויטע.

בייַ די ברעגן —
אונדזערע טיף-פאַרצייכנטע טריט
אין הייסן זאַמד ביז צו די קני.
אין יענער יונגער רגע,
בייַם ברעג טיש פון בענקשאַפט,
און כוונהדיק יונג-פאַרליבט,
ווי פאַרשייַטע קינדער
נאָך האַלבער נאַכט —
זענען מיר
אַרייַנגעשפּרונגען אין טיפן שוים
פון אונדזער זומער.

אַלץ איז ווידער נס.
און איך און דו —
אין קאַרניוואַלישן שפּיל פֿון יענעם זומער —
מיר זענען ביידע
אַזוי ווײַט פֿאַרשווומען.

רײַפֿקייט

נאָך דעם שטאַרקן רעגן
האָט אַ זוניקער ניגון
זיך צעזונגען אין די שויבן.
אַלע אָפּגעוואַשענע קנייטשלעך אין די גאַסן
האָבן זיך פֿאַרטרויט גלאַנציקע סודות
און צעשויבערטע יונגע מיידלעך האָבן געזומערט
מיט רײַפֿקייט.

האָסט דערשפּירט אַזוי פֿיל צעשמעקטע חלומות
אין די זײַדענע הענט
פֿון יעדער בלום;
און געווען איז דער ניגון
ווי פֿון אַ פֿריידיקן וויינען.
גאָט האָט דעם שטילן פּלאַם פֿאַרטראַכט,
די זון,
צו קושן די נאַסע שטעזשקעס בײַם ברעג טײַך.

פֿאַרוואָרצלטע בענקשאַפֿט

פֿאַרוואָרצלטע בענקשאַפֿט
בליצט אַרויס
צווישן די ווענטשפּאַרעס.
אַ ליכטיקייט האָט אויפֿגעבליט.
איינציקווײַז,
ווי אויסגעהיילטע קינדער,
בלומען רײַסן זיך צו דער זון.
דער דרויסן ווינקט מיט קאָלירן.
דער דרויסן — איז זומער.

אַלץ איז צעוואַקסן צו באַוווּנדערן.
און אַלץ, וואָס איז אַ מאָל געווען פֿאַרקלעמט,
איז איצט צעכראַסטעט־גרין,
מיט זון באַשווערט.

זוניקער קוואַל און זאַמדיקער גאָלד
אויסגעבעט
פֿאַר פֿויגל און ליד.
דער דרויסן —
איז וואַלד און חלום.

אויסגעלאָשנקייט

צו שילדערן פינצטערניש,
איז אָנהייב
און אָנהייב.
אַ הויפן פוסטקייט
אין טורעם
פון שטיינער.
אורצײַט רעדט דאָ
צו מײַן בלינדן
שכנם
שטעקן.
ער
הערט נאַכט
אַ גאַנצן טאָג.

די נאַכט —
אַ ברונעם
אויסגעלאָשנקייט,
אײַנגעטונקען
אין יעדן שאָטן.

כ׳דערקען דיך, אומעט,
אומעטום:
אין די ערשטע קנייטשן
פון אָוונט,
אין פאַרמויערטע שעהען,
אין אָפּגעריבענעם שווײַגן.

ווונד אויף די ברעמען

די זון האָט
דעם פרימאָרגן אַרומגענומען
און איז אַרײַן
דורך מײַנע פענצטער
מיט ווינטיקע פּאָלעם
און מײַן נאַכט פאַרטריבן.

איז געבליבן
דער אויפגעשניטענער חלום
פּלוצלונג
אין מיטן —
אַ וווּנד אויף די ברעמען.

אַ פאַרלעזונג אין פּ.ע.ן.

פון יענער זײַט דרויסן
איז דער רעגן געקומען
אין אַלע שויבן,
אויף אַלעמענס ליפּן,
מיט שאַרפע טראָפּנס
אין די אויגן
און מיט דערדריקטע שעהען.

ערב נאַכט
מיט אַ טונקלניש צעכמאַרעט
האָט זיך ווידער צעכליפּעט
איבער די גאַסן,
אין טיפן נעפּל
פון אײַנגעשטילטן
שטאָטישן פּלוידער,
בײַם אַרײַנגאַנג פון זאַל.

כ׳בין אַרײַן
אַ באַלאָדענער
מיט אַ סך מײַלן —
אַ דערקענטער.
ענדלעך, ער איז דאָ.
אַלץ איז שטיל געוואָרן.
אַ האַלב פון מײַן לעבן
אויסגעשפּרייט
אין דער פאַרכּישופטקייט
פון צעקנייטשטע זײַטלעך.

סימנים פון באַשאַף

פון יעדער בלום
שײַנען װידער אַרױס
פרישע ליפּן.
זײ ברענגען
אין גאָרטן
בראשיתדיק
דעם זומער־שמײכל.

ס׳איז גוט
די זעלטענע
געצײַטיקטע
שטילקײט.
דער רעגן
איז יונג
און פרײלעך
מיט פרײַע טריט.

מיר דאַכט,
אַז מיר
װאַקסן צוזאַמען
צװישן די הױך־צעװאַקסענע טעג
אין דער גרינער לאַנדשאַפט
פון פליגל־געררױש.

דער װינט
שפּילט
מיט זוניקע סימנים
פאַרשיפֿורטע לידער
אױף זײַן צעצװײַגטן
קלאַװיר.

זומערדיקע ווערטער

כ׳האָב אָנגעהאָנגען
אַלע מײַנע זומערדיקע באַגערן
אויף צווײַגן-האַרפן,
אין האַרץ פון בוים —
אַ ליד געפונען,
אויסגעשפונען פון זון און רעגן,
געטובלט אין פאַרטאָגן.

אין די בלעטער,
שטראַלן,
ווי גאָלדענע אותיות,
בענטשן מיט וואַרעמער ליבשאַפט
דעם נאַקעטן ים
און גאָלדענעם זאַמד.
די זון האָט פאַרשענערט
מײַן לײַב.
די נאַכט איז קלענער געוואָרן.
כ׳האָב געקלעטערט ביז צום הימל.

ווער ווייס צי דער הימל
איז אַ גאָרטן,
אַ וואַלד,
אַ ים?
פון די האַרפן-צווײַגן
צעפלאַמטע זומערדיקע ווערטער
וועלן פאַרבלײַבן
באַהיטע און באַשערטע תושבים
אויף מײַן בייגעלע פּאַפּיר.

און אַלץ איז געוואָרן

רחלן, מײַן פרוי, א מתנה
1979

דעפּיניר :
פאַר וואָס די בענקשאַפט
אין טובלדיקן,
שטילן כליפּ פון רעגן
איז לענג־אויס
פראַגיל.

אַט ערשט
דיך
איבער מײַן שוועל
אַרײַנגעטראָגן.
דעם פרויען־טשעפּער,
דעם ווינט,
פון שליטן פאַרטריבן.
אין דרויסן
די פרירקייט
איז מיט אײַז פאַרבליבן.

איך און דו —
אין צאַרטן געדריי
פון שניי
פראַגמענטאַריש.

ווי זאָל איך
פאַרשיכּורן
דעם זכרון ?

פלוצלונג
על רגל אחת,
איז די לבנה
אין שפּיגל געקומען.
ריינקייט
פון ווערטער אָנגעצונדן.

און אַלץ איז געוואָרן.

אַ לענגלעך ברויט

פּאַראַיאָריקער פּאַרזיי —
אַ לענגלעך ברויט
אויף דײַן טיש.
בנעימותדיקע פּעניצלעך,
אויסגעקנאָטן
מיט זוניקע שטראַלן
און מיט כּל־המינים גוטסקייט
צווישן די ציין.

און היים איז דאָס ברויט
מיט שפּורן
פון יונגן תּמוז.
לעשסט
דעם פײַער זײַנעם
מיט דײַן צונג.

עקדהדיק
איז דאָס ברויט
אויף דײַנע ליפּן
אין אַ שטילן קוש.
האָסט דעם הונגער אָפּגענאַרט —
אי זײַן מעסער
דעם פּרעכן.

צווישן בליץ און דונער

ווי דער אָפּענער סידור,
איך,
אַ שטילער חידוש
אויף אייגענעם געלעגער
צעקלעמט
פון בראשית ברא,
ביז רחמים.
יעדער אות —
אַ קריגל ווייַן.
יעדע שורה —
אַ בינשטאָק.

און אַלע כמאַרעס,
ווי געשטאַלטן,
באַוועגן זיך איבער מייַן קאָפּ.

ווער קען פאַרשטיין
דעם אייביקן קריג
צווישן בליץ און דונער?
גאָט,
באַפרייַ זייער צאָרן —
ס'זאָלן ניט,
חלילה,
צעבראָכן ווערן
אוראַלטע געשטאַלטן
פון מייַן נאָמען.

אין מלכות פון דיין שטערנשטיבל

אין אַ לאַנדשאַפט פון טליתים

די נאַכט ווערט שמעלער און שמעלער.
נאַקעטע שטילקייט וויל ניט אויסגיין.
די געהייליקטע, וואָס זענען אַוועק,
בליִען איצט דאָרטן —
אין אַ שוואַרצן גאָרטן.

די גאַס ליגט אויסגעטאָן
פון אַלע צען געבאָטן,
צעטראָטן און אויסגעלאָשן
פון אויפגעוועקטע טריט.
ס'איז 7.15 מאָרגנפרי,
כ'שעפּטשע „מודה אני",
ווי אין מײַנע חדר־יאָרן,
ווידער זיך צוזאַמענטרעפן מיט דיר,
מײַן גאָט.

כ'בין טיף געפאַנגען אין גאַנצן אלף־בית
פון בלויען סידור,
און אין פאַרעלטערטן מנין פון בלויז נײַן...
צעעפן איך פאַרכטיק דעם אָרון־קודש
און מײַן לוין איז דו, דו,
דער צענטער —
אַלע נאַכט־שאָטנס ווערן צוריק ייִדן,
און די טליתים — פליגל.

די נאַכט צערינט. דו וועקסט אַלץ
און אַלעמען מיט זוניקע פונקען:
די פייגל, די צווײַגן, די פינגער
פון פאַרשלאָפענעביימער, ווינטיקער באַריר.
אַ מחנה שטראַלן זינגען אין מײַנע אויגן
אויפגעפלעמלטן גערויש פון „אָז ישיר."

„בחורים וגם בתולות
זקנים עם נערים" —
אַלע קניִען ווי כּוהנים אין טיפן ים פון ליכט
צו האַלדזן דיך, אחד,
אין דעם ווּנדער פון אַ מאָל.

גוט איז מיר צו דאַוונען מיט דיר
יעדן אינדערפרי,
מײַן גאָט.
אויב ניט,
איז מיר זיבן מאָל טרויעריקער
אָן דיר.

ראשית חכמה

אַלץ איז לעגענדע:
מײַן זיידנס צוויי ווילדע פערד,
מײַן טאַטנס צוויי ווײַסע זעגלען
און איך —
אין בויך פון עראָפּלאַן
מיט דעם פאַרבליבענעם אַלף־בית,
זופּ אַ היים טעפּעלע תהילים.

ערב־וואָך
פליט מיט —
מיט גרונטבונטיקע געפאַרן.
אַ לאַפּע פינצטערניש
קלאַפּט אין די שויבן.

גוטוואָך
נעמט מיך אַרום,
און איך ווער אַ שותּף
צו די נײַע מײַלן
אונטער אַ שטערן־האָגל.
אָט זע איך יעקבֿס לייטער.
כ'פאַרצי אַ ניגון
וואָס ווייסט נישט קיין סוף.

אַ דאַנק דיר, זיידע,
פאַר דײַן היים טעפּעלע תהילים.

האַרבסטיקער פיבער

מיַין זיידנס וויַיסע באָרד,
אַרויסגעפּלאָנטערט
פון שפּיגלטיַיך,
איז פול מיט יאָרן.
וואָלקנס פאַלן
אין די קנייטשן פון זיַינע הענט.
דאָס שעמעוודיקע ליכט
אין די אויגן —
פאַרצויגן
מיט האַריקער שטילקייט
אין פינקלדיקן בליק.

זינקען אין זכּרון
זיַינע טריט
מיט אַ זעקל שטערן,
האַרבסט-איַין, האַרבסט-אויס,
ווי אָפּגעפּליקטע עפּל פון אלול-ביימער.
שיין און ציַיטיק אין זיַינע אַכציק יאָר.

מיר פאַררויכערן
אַ ליולקע אויסגעפלאַמטע פאַרנאַכטן —
גרויען רויך
פון אויסגעלאָשענעם זומער,
וואָס ליגט אומפאַרהיילט
אין אַש פון אויסגעברענטע בלעטער.

ווי אַ וואַלד־שׂרפה

ווי מײַן האַרץ, דער אַלטער זייגער,
סוד פון אַלע סודות,
מיט ווידערקולן
פון מײַן זיידנס יונגן יאַגד,
אָן אָפּגעראַטעוועטער,
אײַנגעדראַטעוועט
מיט פאַרלאָפענע יאָרן.

זײַן הירש־הערנער־קאָפּ
פאַרמאָגט
היימישן צער און פאַרבאָרגענע צייכנס.
זײַן פאַרב —
די שקיעה־שעה,
זינקט כּסדר
אין די ציפּער־אויגן.

דער רייץ פון וואַלד —
אויסגעלאָשן.
ער זינגט מעשענע לידער —
בלינדע מײַלן ווײַט.
ווי שפּירהינט, די ווײַזערס.

ער הענגט אויסגעפּוצט אויף מײַן וואַנט.
נאָר זײַן טרויער
פֿליט העכער
ווי אַ וואַלד־שׂרפה.

מײַן יונגער בעל־קורא

דודן מײַן ייִנגסטן

די אַלטע ווערטער לויפֿן צו מיר
פֿונעם פֿרישן חומש אַרוים
ווי יונגע קרובים.
פֿינקלען אין מײַנע אויגן
אין פֿולו־נײַ־געדרוקטן וווּנדער.
יעדעס וואָרט אײַנגערעמט
באַזונדער
צווישן מײַנע ליפּן —
אויף ס׳נײַ דערקענט.

דאָ, אין אַנשי־לאַנד,
אין אָפּגלאַנץ פֿון הילכיקן אָמן,
די אָבות און מלאכים
מיט אומפֿאַרברענטע קמיעות,
מיט זיבן בלויע חלומות
און מיט דעם ברייטן מזל־טובֿ,
פֿאַרגאָפּטע אַרום באַלעמער,
בעת מײַן ייִנגסטער בעל קורא
טײַטלט פֿאַרצויבערט, טראָפּ נאָך טראָפּ,
די הייליקע אותיות
פֿון לוחותדיקן פֿאַרמעטוואַלד
צום ליכטיקן אַרום,
פֿרום באַצירט
לכּבֿוד שבת
דעם אָפּגעהילכטן ניגון
פֿון אויסגעלײַטערטע דורות —
אַ פּרשה פֿון זײַן טאַטנס יוגנט־שטים
וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרשווינדן.

והוא רחום

און קיינער איז ניטאָ
אַרום מנחה־מעריב שעה
אין הויז פון געבעט.
פּאַמעלעך
דער טאָג קומט אויסגעשיילט
אַרום די ווענט.
די שטילקייט —
אַ ליידיקייט.
אַלץ בלײַבט פֿאַרמאַכט
אין פֿאַרשמאַכטן פֿאַרנאַכט.

ס'האָבן מײַנע פינגער
אָנגערירט די הייליקע וואַנט:
אויב תּפילה,
צו וואָס דער אָפּגעפּליקטער אות
פון צעריסענעם סידור
אונטער מײַנע פיס?
און די גאָלדענע קרוין,
אַראָפּגעפּליקט פון מײַן קאָפּ?

אַלץ איז עלנט
אין פֿאַרשמאַכטן פֿאַרנאַכט.
עפן אויף די נאַכט.
אין דער שוואַרצקייט
הייבט זיך אָן
ליכטיק הויך —
והוא רחום.

מאָנענדיקע לידער

די אָפּגעצאַמטע גאַס
שווייַגט שטום מיט שקיעה־פיבער.
דער תהילים־טראָפּ
ליגט אָפּגעקילט
און שפּעטלעך.

הארץ, דו הארץ,
פון אַזוי פיל מאָנענדיקע לידער !
וואָס קען איך איצט פון דיר שוין האָפן ?
זאָלב מיך כאָטש פאַר יעדן טראָפּן טינט
וואָס טריפט מעת־לעתיק
אין מײַנע ייִדישע אָדערן.

לאָז מיך טרינקען פון די טיפע קרוגן
כּישוף־בלויע טראָפּנס
אָנגעצונדענע,
פאַר ווייטער, פאַר אייביק.
דער וואָס האָט באַשאַפן דאָס ליד,
האָט אויך באַשאַפן די לבנה —
געמייסטערט אין שטערנפולן כאָרוס.

אויסטערלישער אַלף־בית

אַ דינע שורה האָט זיך צעוויינט
אויף אַ זײַטל פּאַפּיר:
פֿאַרפּיר
מיך ניט.

ראַטעווע מיט מסירת־נפש
מײַן הייליק בלוט
און היט געטרײַ מײַנע נקודות,
ווי דײַנע קינדער,
וואָס האָבן דיך האָלט,
ווען דו מאָלסט פֿאַר זיי
די זיבן סודות
פֿון מײַן וואָרט.

כ׳קוש די פּען
און צערטל די שורה,
די דינע:
לשון מײַנס,
כ׳וועל דיך ניט פֿאַרפּירן.
דײַן געבעט,
ווי געבאָט צווישן הימל און ערד;
אַ רעגנבויגן, תּפארתדיק,
נערט אונדז ביידן.

דיך —
לויט אַלע הייליקע כּללים
אין צעעפֿנטן ספר.
מיך —
אַן אויסטערלישן אַלף־בית,
וואָס וועבט דאָס ליד.

גלויבן פון דויער

א

ווען דײַן קול צו מײַן אויער
איז דערגאַנגען,
האָב איך געמיינט, אַז דו ווילסט מיך
דורך געדיכטע נעפּלען און שטאַפּלען
אַנמעסטן מיט אַ גלויבן פון דויער.
כ׳האָב זיך אויסגעטאָן פון אוראַלטן טרויער
און געשטיגן צו דיר מיט ווונדערשאַפט
אַריבער די הויכע מויערן.

שפּעטער, ווען איך האָב דיר דערזען
אין פינקל פון ווײַטסטן שטערן
און מיט געבעטע רייד
געטאָן פרעגן :
ווען איך צעפּראַל די פענצטער,
די פינצטערניש צו פאַרטרײַבן,
איז אמת דײַן קומען אַנטקעגן
מיט דערוואַכטע ברכות,
אין אַלע אינדערפריִען ?

כ׳בין הײַנט צו דיר געקומען
גאַנץ פרי.
די הענט געוואַשן מיט לויבגעזאַנג
און מיט אײַנגעזאַפּטן ניגון.
ס׳איז אַ נס געשען :
אַ בוים האָט געדאַוונט אין דײַן
אויפגעשלאָסענעם פרימאָרגן.
כ׳האָב מיט פאַרכט
זײַן ציטערדיקן רויש פאַרנומען.

ב

דער בוים אין פענצטער
איז דײַן שומר, דײַן היטער,
איז די היים
פֿאַר אַלע פֿייגל,
מיט אותיות-שטראַלן —
זייער סידור.

אַלע גרינע בלעטלעך —
געווידמעט צו דיר;
צונויפֿגעפֿליגלטע שירה
אויף די פֿידלען-צווײַגן.
הײַנט,
ווען איך האָב אַרויסגעקוקט
צום דרויסן,
איז דער הימל געלעגן ווי אַ בלוייער טאָוול
אונטער דײַנע פֿיס —
כ'האָב געמאָנט און געוועקט
הײַנט און אייביק
דײַן שטים —
אלהים.

ג

װען דער װינט איז אין גאַס,
קומען כמאַרעס מיט אַ טײַך רעגן
ביז צום הױכן מױער.
שטאָטישער טרױער אָבער
װערט ניט קלערער,
װערט ניט לױטערער,
ביז די זון קומט מיט דײַן חסד,
מיט איר שײַן.

ס'איז באַװוּסט: דער װינט איז אין דײַן רשות.
ער ברענגט פֿון די הױכע װײַטן
די בליציקע בשׂורות,
די בלימעלעך פֿאַר מײַן שװעל.
דערפֿאַר איז מײַן פּנים אָפּגעברױנט
װי אין אַלטסטע צײַטן —
בײַ מײַנע אָבות.

אין אַזעלכע טעג װען די זון שײַנט
און דער װינט
דעקט אָפּ אַלץ מיט אַנאַנדער,
און אַ ריח פֿון גרינשאַפֿט
איז געװענדט קעגן מײַנע אױגן.

נאָר אײדער איך באַװײַז
צו פֿאַרבאָרגן זיך אינעם לײַב
פֿון דײַן זומער,
קומט דער האַרבסט אַנטבלױזט
און טענצלט אין מײַן שרעק.

ד

הײַנט און אײביק
זאָל די שטילקײט שװײַגן
װען איך קום פּאַװאָליע
אין טיפן פרומען שניי
מיט צעװאָרפענע זילבער־שורות
אין קלײנעם פּאַרקל
פון מײַן שטאָט.

די אױסגעשפּרײטע קלאָרקײט
פּראָסטיקט
אין אַרײַנגעשװיגענעם בראָך
פון װינטער
און פירט מיך
אין אַ לאַנדשאַפט
פון פאַרטראַכטע װײַטקײטן,
צו דיר —
הײַנט און אײביק.

הייליקע שטיינער

באָבע שיינעס אַלטע ווערטער,
ווי פרישע ניסים
פֿאַר קינדער און זקנים.
קיינער איז ניט געפֿאָרן
אַזוי פֿרום און איידל
אין „דער גאָלדענער קאַרעטע"
מיט אויסדערוויילטע שורות
און כּולו פֿרייד צום הימל,
ווי באָבע שיינע.
ס'איז יעדע גאַס געווען
אַן אָפֿענער ספֿר
און אַלע אירע טויטע קרובֿים —
מלאָכים.

מיטגעפֿאָרן מיט איר,
לויט איר באַפֿעל —
ביז צום טויער פֿון גן־עדן —
ניט ווײַטער,
ניט מער.
אויף אַ צווײַגעלע אויפֿגעהאַנגען
מײַן זיידנס טרער.

פֿרילינג האָט אַראָפּגערונען פֿון אַלע דעכער;
דער טאָג איז געווען ייִדישער און העכער
אין אַנטפּלעקטן סוד פֿון איר שווײַגן.
כ'האָב פֿון דער „גאָלדענער קאַרעטע"
אירע אַלטע ייִדישע ווערטער
מיט ליבשאַפֿט צונויפֿגעקליבן
און אויף הייליקע שטיינער
איר אייביקייט פֿאַרשריבן.

אינהאַלט

בראַנדזענער מבול 5

אויפן עשאַפאָט פון חשבון און סך־הכּל

טאָג־טעגלעכע שליחות 9
שרפהדיקע שילדן 10
אין סאָבוויי־צוג 11
אין גלעזערנעם טײַך 12
שיקאַגאָ 13
שוואַלבן און שטראַלן 15
הללויה 16
תּוכיק 17
די גרינע האַנט 18
כאַאָטיש 19
געלע נוּלן 20
דימענטענע נעגל 21
צעפּראַלטער געזאַנג 22
מאַזדאַ־אויגן 23
אַלומינענער צויבער 24
זמן פון יונגע יאָרן 25
געמאַסטענער שטויב 26
אַ פייגל־חתונה 27
גאָלדענע בלומען 28
בײַ די ברעגן פון „טײַך מישיגען" 29
פּאַפּירענער טײַפון 31
בוימעריש הויך 32
אין די שטאָלענע געוועבן 33
דער פּשט פון זיך אַליין 34
צוקאַפּנס פון טאָגן 35
הויכע פּיראַמידן 39
פלעמלדיקע סטאַטועס 43
בלעטער־געלאַף 44
ברויזיקע פאַנטאַזיעס 45
אין בלעכענעם טומל 46
אַוואַנטוריסט 47
ווינט און מאָטאָרן 48

אין דעם געזאַלבטן גן־עדן
(אַמעריקאַנאַ IV)

אייבי לינקאָלן 51
מײַן דור 53

Senior Citizens 54
טעלעוויזיע 55
וואַכעדיקער טומל 56
דאָס ליד פון טולפּאַנען 57
ווילדלויפיקע אינדיאַנער 58
צעשלאָגענע שטילקייט 59
געזאָלצענע פּראַכט 60
Jogging 61
Jogging: Variation II 63
מײַן שכן, דער מלך פון בייסבאָל 64
סינדערעליש 66
קאָובאָי פון ווילדן וועסט 67
ברויט און בלומען 68
אויף די שפּיצפינגער פון גראַניט 69
פאַרשטײַפטער שלאָף 70
פּרווידיאַניש 71
אומבאַשיצטער פּרילינג 72
פּײַער און שניי 73
פיגורן 74
צווישן רעגן און ליכט 75
אַ ניגון אין גומענעם קאַראַהאַד 76

געהויקערטער אומעט

שוואַרצע זאָקן 79
קרומער דאַך 80
די לוויה 81
צווישן שאָטנס און שטויב 82
נעפּלדיקער שפּיגל 83
פאַראָדערט 84
פאַרצעלײַענע לאַנדשאַפט 85
אין געלעסטערטן דרויסן 86
אויפן וועג צוריק 87
אויס טאַטע און אויס מאַמע 88
שוואַרצע רעטעניש 89
שווײַגנדיקער אמת 90
גאָלדענע הערנער 91
פינגער־סימנים 92
אין אָפענעם בליק פון דרויסן 93
גאָלדענער שטויב 94

אין כמורנעם ווונדער

דאָס ליד 97
איבערגעבליבענע שורות 98
Mother's Day 99
אין שוואַרצן צאַפּל 100

סוף 1979 101
ווידערגעבורט 105
ווינט איז ווילד 106
אין נאַכטיקער שטיַיג 107
אין די צעשפּיגל'טע טראָפּנס 108
דער ריח פון ערב זומער 109
קדמוניש־ניַי 110
דער סוד פון שלאָף 111
אין די בויכווינקלען פון האַרבסט 112
אָנדענק 113
די ליידיקייט פון שטאַרבן 117
האַרבסטיקער געפּאַר 118
צעטראָטענער ווונדער . . . . ו 119
אויסגעצוואָגענע געטער 120

קאַלענדאַרישער זכּרון

קאַלענדאַרישער זכּרון 123
וויינענדיקער שפּיגל 124
דאַרע צוויַיגן־הענט 126
יצירה 127
קאַרניוואַלישער ווונדער 128
ריַיפקייט 130
פאַרוואַרצלטע בענקשאַפט 131
אויסגעלאָשנקייט 132
ווונד אויף די ברעמען 133
אַ פאַרלעזונג אין פּ.ע.ן. 134
סימנים פון באַשאַף 135
זומערדיקע ווערטער 136
און אַלץ איז געוואָרן 137
אַ לענגלעך ברויט 139
צווישן בליץ און דונער 140

אין מלכות פון דיַין שטערנשטיבל

אין לאַנדשאַפט פון טליתים 143
ראשית חכמה 145
האַרבסטיקער פיבער 146
ווי אַ וואַלד־שׂרפה 147
מיַין יונגער בעל־קורא 148
והוא רחום 149
מאַנענדיקע לידער 150
אויסטערלישער אַלף־בית 151
גלויבן פון דויער 152
הייליקע שטיינער 156

ביכער פון זעלבן מחבר:

יידיש:

בלוימאַנטיק	1938
אַמעריקע	1940
גאָלדענער גלות	1971
וווּנדן און וווּנדער	1975

ענגליש:

The Poet In Blue Minor
Passages Of Refuge
Letters To My Unborn Son
Preface To Maturity
Horn In The Dust
Golden Exile — Forthcoming